אריגינעלער אידישער אינהאלט

# כוואליעס

גליון ז - זומער תשפ"ה

## אינהאלט


אווארט פון דער רעדאקציע 3

דער אייערשטאק: **פיזיאלאגיע** 4

דער אייערשטאק: **הלכה** 11

דער אייערשטאק: **פאליטיק** 18

הַמַּלְאָךְ 38

אין בין בדחן לאדמו"ר אלא כחוט השערה 41

חכמות חיצוניות - 4# 43

פרעג דעם רב 64

פרנסה 66

מיסטעריעזע קמיעות 70










כוואליעס

אריגינעלער אידישער אינהאלט

## רעדאקציע אינפארמאציע

צו באקומען די קומענדיגע אויסגאבעס אין אימעיל ביטע שרייבט
אייך איין אויף דעם פאלגנדן לינק:
https://lp.constantcontactpages.com/sl/832nQLo
איר קענט אונז נאכפאלגן אויף טעלעגראם און X
מיט דעם הענטל chvalyes@
זיך צו פארבינדן מיט דער רעדאקציע ביטע שיקט אן אימעיל צו
chvalyes1@gmail.com
אדער שיקט א הודעה צו אונזער ״כוואליעס״ ניק אויף ״קרעמל״

סקען דעם QR קאוד פאר
אלע אויבנדערמאנטע לינקס:

# א ווארט
# פון דער רעדאקציע



אין דער יעצטיגער זומער "כוואליע" ברענגען מיר אייך א ספעציעלן פראיעקט צו דעקן די שערורייה וואס איז באקאנט אין דער היימישער וועלט אלס "השתלת שחלות". אין די ארטיקלען זענען אריין שעות ע"ג שעות ארבעט דורך עטליכע שרייבער און מיטהעלפער, און מיר ווילן זיך טיף באדאנקען פאר יעדן וואס האט ארויסגעהאלפן.

"כוואליעס" איז די איינציגע אידישע אויסגאבע וואס דעקט די שערורייה און מיר האבן פרובירט צו דאקומענטירן אויף א מסודר'דיגן פארנעם דאס מעדיצינישע מציאות, די הלכה'דיגע דילעמעס, און די פאליטישע שערורייה אין דער היימישער גאס. מיר האבן פרובירט זיך צו האלטן צו די פאקטן אויף ווי ווייט מעגליך, און מיר אנטשולדיגן זיך פון פאראויס אויב עפעס איז פארזען געווארן. מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן דערפון, און זאל דאס דינען אלס דאקומענטאציע פונעם פולמוס וואס האט פארנומען דעם אויבנאן אין דער היימישער, הלכה'דיגער וועלט אין יאר תשפ"ה - א פולמוס וואס וועט ווארשיינליך געדענקט ווערן פאר לאנגע יארן.

*

"כוואליעס" ווערט ארומגעשיקט בחינם אלס א פי-די-עף פייל פאר אלע אימעיל סובסקרייבער און ווי מיר האבן שוין געשריבן אין דער פארגאנגענהייט, שטעלן מיר אויך ארויף די "כוואליעס" אויף אמאזאן כדי די וואס גלייכן א שיין געדרוקט ביכל זאלן האבן די אפציע דאס איינצושאפן.

די קאסטן פון אזא אמאזאן קאפיע איז טאקע היפש מער פון אנדערע אויסגאבעס אין דעם סייז, אבער דאס רוב פון דעם פארלאנגטן פרייז גייט גראד צו אמאזאן. די הכנסה וואס בלייבט איבער פאר "כוואליעס" פון דעם סערוויס איז ממש מינימאל, בערך צוויי דאלאר פער קאפיע, וואס דאס גייט צו דעקן א קליינעם טייל פון די הוצאות פון גראפיקס און אנדערע פארבונדעטע הוצאות. אלנפאלס, סיי אויב איר דרוקט ארויס די "כוואליעס" אליין און סיי אויב איר קויפט דאס קאלירטע ביכל אויף אמאזאן, האפן מיר אז איר וועט הנאה האבן דערפון און עס מיטטיילן מיט אייער משפחה און פריינט.

עס איז גוט נאכאמאל איבערצו'חזר'ן אז "כוואליעס" איז אן אויסגאבע וואס ווערט געשריבן דורך אייך, חשוב'ע ליינער - פאר אייך. אויב שפירט איר אז איר האט עפעס וואס קען מהנה זיין דעם עולם, ביטע שארפט אויס אייער פעדער און לאזט אייך הערן. עס וועט אונז זיין א כבוד צו פובליצירן אייערע ווערק.

די קומענדיגע אויסגאבע וועט אי"ה ערשיינען לכבוד חודש תשרי; א פארגרעסערטע אויסגאבע מיט הערליכן חומר וואס איר וועט נישט טרעפן ערגעץ אנדערש. דער דעדליין אריינצושיקן ארטיקלען איז מאנטאג כי תצא, סעפטעמבער 1.

פאר שמועסן איבער ארטיקלען אין דער יעצטיגער אדער פריערדיגע אויסגאבעס באזוכט די דעזיגנירטע "כוואליעס" אפטיילונג אויפ'ן "קרעמל" וועבזייטל:

https://kraimel.community.forum/search-forums/chvalyes/

האט א געשמאקן זומער און ליינט מיט הנאה!

די רעדאקציע

# דער אייערשטאק:
## אן איבערזיכט איבער זיין ראלע אין דער ווייבליכער רעפראדוקציע סיסטעם



דורך: פעדער

### דער אייערשטאק

דער אייערשטאק (Ovary אין ענגליש; שחלה אין עברית) איז אן ארגאן וועלכער איז צוגעטשעפעט צום רחם (מוטער-לייב אין אידיש; uterus אין ענגליש) פון ביידע זייטן. ער שפילט די הויפט-ראלע אין דער ווייבליכער רעפראדוקציע. ער אנטהאלט אין זיך די איי-צעלן און ער פראדוצירט און רעגולירט די הארמאנען וועלכע זענען פאראנטווארטליך אויף דעם חודש'ליכן קרייז און אויף דער אנוועזנהייט פון די געשלעכטליכע שטריכן און כאראקטעריסטיקס אינעם גוף.

דער אייערשטאק איז אן ארגאן אין דעם פארעם פון א גרויסן נוס, אבער זיין גרויסקייט קען זיך טוישן; עס ווערט גרעסער ווען דער מענטש ווערט ערוואקסן און קלענער ווען דער מענטש ווערט עלטער. דער אייערשטאק איז צוזאמגעשטעלט פון דריי שיכטן. דער דרויסנדיגער שיכט איז א דין הייטל וועלכע באדעקט דעם גאנצן אייערשטאק און באשיצט אים. אונטער דעם שיכט געפינט זיך דער קאָרטעקס, אדער "אווועריען-קארטעקס", וואס דאס איז א דיקערער שיכט וועלכער פארמאגט א רייכע בלוט פארזארגונג און וויכטיגע נערונג סיסטעם. אין דעם שיכט ליגן די אייערלעך, און דארט אנטוויקלען זיי זיך ביז זיי ווערן רייף און גרייט צו פארלאזן דעם אייערשטאק און ווערן אויפגעכאפט דורך דער פּאַלאָפּישער רער (Fallopian tube).

דער אינעווייניגסטער טייל פונעם אייערשטאק ווערט גערופן דער מעדולא. דאס נעמט אויף דעם מערסטן פלאץ אינעם אייערשטאק און אנטהאלט א גרויסע נעץ פון פארבינדונגען צווישן דער נערוו-סיסטעם און דער בלוט סיסטעם. דאס איז ווי די פארבינדונג צווישן דעם מוח און דעם אייערשטאק.

דער מיטלסטער שיכט, דער קארטעקס, איז דער וויכטיגסטער טייל פון דעם אייערשטאק און שפילט די הויפט ראלע אין רעפראדוקציע, זינט אין דעם שיכט אנטוויקלען זיך די אייער-צעלן וועלכע זענען די רעפראדוקציע צעלן פון א פרוי.

### די אייער-צעלן

די אייער-צעלן (Oocyte/Ovum) אנטוויקלען זיך שוין זייער פרי אין דער אנטוויקלונג פון דער פרוי, לאנג בעפאר דער מענטש ווערט געבוירן. ארום דער צווייטער וואך נאכדעם וואס דער עובר ווערט באשאפן ווערן אוועקגעלייגט א הויפן פון שטאם-צעלן, וואס זענען צעלן וועלכע אנטהאלטן די גענעטישע אינפארמאציע פונעם מענטש אבער זענען נאכנישט געווארן דעזיגנירט צו פארמירן א ספעציפישן ארגאן אינעם קערפער. די שטאם-צעלן האבן דעם פאטענציאל זיך צו אנטוויקלען און פארמירן סיי וועלכן טייל אין דעם קערפער, אבער איינמאל זיי הייבן אן פארמירן א ספעציפישן טייל קענען זיי מער נישט זיך צוריקדרייען און אנהייבן

פון פריש. דעריבער, ווילאנג זיי זענען נאך שטאם-צעלן, ווערן זיי אוועקגעלייגט אין באזייטיגט, אין דער צייט וואס אנדערע צעלן ארום זיי, נעמען אן דעם פארעם פון די צעלן פון די ארגאנען וועלכע זיי וועלן צוזאמשטעלן.

אט די באזייטיגטע שטאם-צעלן, וועלכע וועלן עווענטועל זיך אנטוויקלען אין רעפראדוקציע צעלן, ווערן גערופן פריימארדיאל דזשערם צעלן (Primordial germ cells). דורך א קאמפליצירטער פראצעדור, געטריבן דורך כעמיקאלע רעאקציעס, וואנדערן זיי צום ארט וואו דער רעפראדוקציע ארגאן, דער אייערשטאק, איז אין די שטאפלען פון זיך אנטוויקלען.

די דזשערם צעלן פארבלייבן אזויווי זיי זענען פאר א ווייל; זיי בלייבן פארשלאפן ביז ווען דער מענטש איז שוין גענוג גרייט און ערוואקסן זיך צו מערן. דאן פאנגט זיך אן א קייט פון אנטוויקלונגען וועלכע פירן דערצו אז די אייער-צעלן זאלן ווערן געצייטיגט און גרייט פאר קאנסעפציע.

דער פראצעדור גייט צו אין עטליכע שטאפלען, אנגעהויבן פון דעם ערשטן טאג אין דעם חודש'ליכן קרייז (menstrual cycle). צום ערשט מערט זיך די צעל און צעטיילט זיך אין צוויי אין א פראצעדור גערופן מייאָסיס (meiosis). דאס פאסירט נאנט צו דער צייט ווען די אייער-צעל ווערט ארויסגעלאזט (ovulation). בלויז איינס פון די צוויי צעלן אנטוויקלט זיך ווייטער, די אנדערע פאלט אוועק. נאך דעם וואס די ספערם-צעל קומט אין בארירונג מיט דער אייער-צעל, צעטיילט זיך די צעל נאכאמאל, אין דעם צווייטן שטאפל פון מייאסיס, און ווידער אנטוויקלט זיך בלויז איינס פון די צוויי, מיטנעמענדיג מיט זיך די מערהייט פון די צעל'ס מאסע, און די אנדערע פאלט אוועק.

## הארמאנען און דער אייערשטאק

ווי געשריבן, איז די אייער-צעל אין אן פארפרוירענעם צושטאנד ביז ווען דער מענטש ווערט ערוואקסן. די קליינע אייער-צעל, אומגעפער א פינפטל מילימעטער גרויס (פון די גרעסטער צעלן אין דעם מענטשליכן קערפער), געפינט זיך אין א זעקל, גערופן דער פאַליקעל, וועלכע נעמט זיך וואקסן און בלאזט זיך אויף, פארמירנדיג א הוילקייט אינעווייניג, ביז ווען די אייער-צעל רייסט זיך ארויס פונעם זעקל און ווערט אויפגעכאפט דורך דער פאַלאָפּישער רער.

די פאַלאָפּישע רער, וועלכע איז ווי אן ארעם וועלכע קומט ארויס פונעם רחם פוןביידע זייטן,



די רעפראדוקציע ארגאנען אין דעם ווייבליכן קערפער און זייערע נעמען

איז אומשטאנד אפירצוזוכן און אויפכאפן די אייער-צעל. אויף אזוי ווייט, אז אין פעלער וואו דער מענטש האט בלויז געהאט איין אייערשטאק, האט זיך דער צווייטער ארעם אויסגעשטרעקט צו דער אנדערער זייט פונעם רחם און אויפגעכאפט די אייער-צעל פון דארט.

## וויאזוי די הארמאנען ווערן רעגולירט

עס זענען פאראן צוויי הויפט הארמאנען וועלכע זענען פאראנטווארטליך אויף דעם וואוקס און צייטיגונג פון דער אייער-צעל. איינס איז LH און דער אנדערער איז FSH. ביידע ווערן ארויסגעלאזט דורך ספעציעלע דרוזן אינעם מוח.

ארום דעם זעקל געפינט זיך א דינער שיכט פון ספעציעלע צעלן (Theca cells), וואס ווען זיי קומען אין בארירונג מיט דעם LH הארמאן גיבן זיי ארויס אַנדראָדזשען (androgen). די אנדראדזשען הארמאנען גייען אריבער צו די פאליקעל צעלן, וועלכע ווערן גערופן גראַנולאָסאַ צעלן (Granulosa cells), און ווערן פארוואנדלט דורך זיי אין עסטראָדזשען (estrogen).

דער FSH הארמאן פירט דערצו אז די פאליקעל-צעלן זאלן זיך שטארק מערן, פארמירנדיג א גרויסע מאסע ארום דער אייער-צעל, און די פארמערטע פאליקעל-צעלן גיבן ווייטער ארויס נאך עסטראדזשען.

אין דער ערשטער וואך, ביז אכט טעג פונעם קרייז, ווערן די שטאפלען פון עסטראדזשען אלץ העכער און זיי ווירקן אויפ'ן מוח ווייטער ארויסצולאזן FSH, וועלכע פירט צו דער פראדוקציע פון נאך גראנולאסא צעלן און אזוי ארום מער עסטראדזשען. ווען די עסטראדזשען גרייכט א געוויסן שטאפל שאפט עס א פארקערטן אפעקט אויפ'ן מוח - דער מוח הערט אויף ארויסצוגעבן FSH. דאן הייבן די עסטראדזשען שטאפלען אין דער בלוט אביסל נאכצולאזן. מיט בלויז דער אנוועזנהייט פון LH, פארטיגט זיך דאס זעקל און די אייער-צעל ווערט ארויסגעלאזט און צוגעפירט צו דער רער.

עסטראדזשען פאר זיך איז קריטיש פאר דער אונטערהאלטונג פון די ביינער און ווענט פונעם רחם, (אגב, עסטראדזשען ווערט נישט געמאכט אויסשליסליך אין דעם אייערשטאק, אנדערע ארגאנען געבן אויך ארויס דערפון) אזוי אויך איז דאס פאראנטווארטליך אויף די אויסערליכע געשלעכטליכע כאראקטעריסטיק פון דער פרוי און הייבט דעם געשלעכט-טרייב. אבער עסטראדזשען אליין איז נישט דירעקט פארבונדן מיט דער אנטוויקלונג פונעם זעקל און דער אייער-צעל; דאס קומט צושטאנד דורך די הארמאנען LH און FSH.

די פאליקעל-צעלן גיבן ארויס א געוויסע פליסיגקייט וועלכע פארמירט א הוילקייט אין צענטער פון דעם פאליקעל. די הוילקייט ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, ביז ווען עווענטועל עפנט זיך דער פאליקעל און די אייער-צעל ווערט ארויסגעלאזט. דער ליידיגער פאליקעל, מיט דער הילף פון LH, פראדוצירט א הארמאן גערופן פראָדזשעסטעראָן (progesterone). די שטאפלען פון דעם הארמאן הייבן זיך זייער שנעל און זייער הויך, וואס פירט דערצו אז די אינעווייניגסטע ווענט פונעם רחם זאלן זיך פארשטערקערן און ווערן פול מיט בלוט אין בעפארברייטונג צו קאנסעפציע.

דאס זעקל ארבעט נאך פאר בערך צוויי וואכן נאך דעם וואס די אייער-צעל איז שוין געווארן ארויסגעלאזט, ביז עס צעגייט וואס דאן פאלן די פראדזשעסטעראן שטאפלען דראסטיש, וואס פירט צום אנקום פון דער ווסת.

## געגעס

דער מענטשליכער קערפער, ווי דער קערפער פון אלע באשעפענישן, איז צוזאמגעשטעלט פון טריליאנען צעלן. א צעל איז ווי א לעבעדיג באשעפעניש וועלכע איז באאויפטראגט אויף א ספעציפישער אויפגאבע אינעם קערפער. די גענעטישע אינפארמאציע פון דער צעל, וועלכע דיקטירן וויאזוי די צעל זאל זיך אויפפירן, האלטן זיך אויף אין וואס ווערט גערופן דער נוקליעס (קערל) פון דער צעל. זיי פארמירן דעם לענגסטן, קאמפליצירסטן, און וואונדערליכסטן מאָלעקול וואס וויסנשאפטלער קענען, נעמליך, דעאָקסירייבאָנוקלעאיק עסיד, און אין קורצן: די-ען-עי. דער מאלעקול איז אין פארעם פון א לאנגן פאדעם וועלכער איז צוזאמגעדרייט און פארקניפט.

די די-ען-עי מאלעקולן זענען איינגעטיילט אין 46 כראמאזאמען, וועון יעדער כראמאזאם איז ווי א לאנגער געדרייטער פאדעם. די כראמאזאמען האט ער ערהאלטן פון זיינע עלטערן, 23 פון זיין פאטער און 23 פון זיין מוטער. די כראמאזאמען וואס דער מענטש באקומט פון זיין פאטער זענען אייניג צו די וואס ער באקומט פון זיין מוטער, זיי פארמאגן די זעלבע גענעטישע אינפארמאציע מיט בלויז קליינע ענדערונגען.

כמעט אלע צעלן אינעם קערפער זענען אויסגעשטעלט זיך צו פארעלטערן און שטארבן, און דעריבער מוזן זיי ערזעצט ווערן מיט נייע צעלן. עס זענען פארהאן צוויי פראצעדורן וויאזוי א צעל טאפלט זיך. איינס איז 'מיטאָסיס', דאס פאסירט אין מיינסטנס פעלער, און די צווייטע איז 'מייאָסיס', וועלכע איז געאייגנט בלויז פאר די רעפראדוקציע צעלן.

## מיטאסיס

אין מיטאסיס טאפלט זיך די צעל, ווען אין דער ענדע פון דער פראצעדור ווערן באשאפן צוויי פרישע אידענטישע צעלן. אלע צעלן אינעם קערפער וואס טאפלען זיך גייען אריבער די פראצעדור זיך צו מערן.

אין מיטאסיס גייט די צעל אריבער עטליכע




א דיאגראם פון די שיכטן פונעם אייערשטאק

פאזעס. צום ערשט טאפלט די צעל אלע כראמאזאמען וועלכע האלטן זיך אויף אין דעם נוקליעס פון דער צעל אין א לויזן אפענעם צושטאנד, און עס פארבלייבט אזוי פאר א לאנגער ווילע. די צוויי אידענטישע קאפיעס ווערן גערופן כראָמאַטידס. ווען עס קומט די צייט זיך צו שיידן, ווערט יעדע כראמאטיד איינגעוויקלט און צוזאמגעדרייט, פארמירנדיג א געדעכטן, לענגליכן פאדעם, און די צוויי כראמאטידס פּאָרן זיך צוזאם אינדערמיט פארמירנדיג א כראמאזאם וועלכער איז ענליך צו דעם פארעם פון אן איקס (זע דיאגראם).

אין דער קומענדיגע פאזע, שטעלן זיך אלע פּאָרן אין א לאנגער ליניע אין דער לענג פון דער צעל, ווען פון ביידע עקן פון דער צעל ווערן ארויסגעשיקט ספעציעלע פראטיענס וועלכע שלעפן צו זיך איין כראמאטיד פון יעדן פּאָר, ביז זיי ווערן צעטיילט אין ביידע עקן פון דער צעל. די צעל צעטיילט זיך דאן אין צוויי ארום יעדן פולן סעט, און אין דער לעצטער פאזע רוקן זיך די צוויי נייע צעלן אוועק און פארמירן א פולע נייע קאפיע.

## מייאסיס

מייאסיס איז א פראצעדור וועלכע רעזולטירט אין פיר נייע צעלן, וואו יעדע פון זיי פארמאגט אן אייגנארטיגן סעט פון גענעטישער אינפארמאציע. עס איז פארהאן בלויז איין סארט צעל וועלכע גייט אריבער די פראצעדור, און דאס איז די רעפראדוקציע צעל.

ענליך צו מיטאסיס, גייט די צעל אריבער עטליכע פאזעס ביז עס פארענדיגט די פראצעדור, אבער אנדערש דערפון, גייט עס דורך צוויי שטאפלען. דער ערשטער שטאפל איז דער זעלבער ווי א געוועהנליכע צעל; עס טאפלט די גענעטישע אינפארמאציע אין צוויי אידענטישע כראמאטידס, אבער דא פאסירט עפעס זייער אנדערש, יעדער צווילינג כראמאזאם שטעלט זיך אוועק נעבן איינעם פון די 23 כראמאזאמאן פון דעם אנדערן פון די עלטערן, און זיי טוישן אויף אביסל פון זייערע גענעס. די צעל בלייבט פארפרוירן אין דער פאזע ביז ווען דער מענטש ווערט ערוואקסן.

אין דער קומענדיגער פאזע, וועלכע פאסירט ביי פרויען בלויז אין דער וואך איידער די אייער-צעל ווערט ארויסגעלאזט, שטעלן זיך אלע כראמאזאמען אוועק אין דער לענג, אבער דא, אנדערש ווי אין מיטאסיס, שטעלן זיי זיך אוועק צוזאמען מיט זייער כראמאזאם פּאָר, אזוי אז יעדער סטרוקטור באשטייט פון צוויי כראמאזאמען און פיר כראמאטידס, צוויי פונעם פאטער און צוויי פון דער מוטער.

דאן וועלן די ספעציעלע פראטיענס וועלכע געפינען זיך ביי ביידע עקן פון דער צעל שלעפן צו זיך איין כראמאזאם פון יעדער פּאָר. אבער וויבאלד מיר האבן פיר כראמאטידס, גייט די פראצעדור נאכאמאל איבער, און יעדער כראמאזאם ווערט צעטיילט און פארמירט צוויי נייע צעלן ווען יעדע צעל פארמאגט בלויז 23 פון די כראמאזאמען וועלכע שטעלן צוזאם די מענטשליכע גענעטישע אינפארמאציע. און יעדע צעל האט אן אנדער סעט פון דער אינפארמאציע.

דעריבער, אין דער צייט וואס אין מיטאסיס טאפלט זיך די צעל און דער רעזולטאט איז צוויי אידענטישע צעלן, יעדע מיט 46 כראמאזאמען, איז דער רעזולטאט פון מייאסיס פיר נישט-אידענטישע צעלן, יעדע פון זיי מיט 23 כראמאזאמען.

## די איבערפלאנצונג פון אייערשטאק טיילן.

איבערפלאנצונג פון אייערשטאק טיילן (אין ענגליש: Ovarian Tissue Transplant) איז א מעדיצינישע פראצעדור אין וועלכער טיילן פון דעם דרויסנדיגן און מיטלסטן שיכט פון דעם




אייערשטאק ווערן ארויסגעשניטן פון איינעם און ווערן אריינגעפלאנצט אין אן אנדער אדער דער זעלבער פרוי.

דאס איז א פראצעדור וואס העלפט מענטשן וועלכע גייען אריבער שטארקע ראדיאטעראפיע אדער כעמאָטעראפיע צו באקעמפן א שעדליכע מחלה, אפצוהיטן זייער פאטענציאל פון האבן קינדער אין דער צוקונפט. דער אייערשטאק איז זייער עמפינדליך און אויסגעשטעלט צו ווערן געשעדיגט דורכאויס געוויסע באהאנדלונגען קעגן קענסער, און דעריבער איז אין געוויסע פעלער די איינציגע אפציע אריבערצוגיין אזא פראצעדור איידער'ן נעמען די באהאנדלונגען.

אזוי אויך קען די פראצעדור ווערן אונטערגענומען ביי מענטשן וועלכע זענען געבוירן אן קיין געזונטע פונקציאנירנדיגע אייערשטאק אדער איז עס געשעדיגט געווארן.

דער קליינער טייל וועלכע ווערט ארויסגעשניטן פארמאגט אין זיך די וויכטיגע אייער-צעלן אין זייערע פריערדיגע פאזעס, און זיי ווערן פארזיכטיג אפגעהיטן דורך זיי פרירן אין גאר קאלטע טעמפעראטורן וואו זיי קענען זיך האלטן פאר לאנגע יארן.

איינמאל דער פאציענט איז גרייט צו באקומען דעם ארגאן, גייט זי אריבער א פראצעדור אין וועלכער עס ווערט פארזיכטיג אריינגעפלאנצט אין איר קערפער. עס מוז אייגנטליך נישט צוריקגעשטעלט ווערן אויפ'ן זעלבן פלאץ, און אין געוויסע פעלער ווערט עס איינגעפלאנצט אין די ווענט פונעם בויך. די פראצעדור האט שטארקע שאנסן צו זיין ערפאלגרייך, אומגעפער א 40 פראצענט סוקסעס ראטע, וואס מיינט אז די פונקציעס פון דעם אייערשטאק קומען צוריק און זיי גיבן ארויס די נויטיגע הארמאנען וועלכע פירן צו דער געבורט פון א געזונט קינד.

## מיט וואס איז דאס אנדערש פון IVF?

IVF באדייט פערטיליזאציע אינדרויסן פונעם קערפער. דאס איז א מעדיצינישע באהאנדלונג אין וועלכער מענטשן מיט פראבלעמען קענען



באהאנדלט ווערן דורך דרויסנדיגע לעזונגען. דאס גייט צו דורך דעם וואס איין געצייטיגטע אייער-צעל ווערט ארויסגענומען פון דער פרוי און איין זאמען-צעל ווערט גענומען פונעם מאן. די זאמען-צעל ווערט אריינגעפירט אין דער אייער-צעל מיט ספעציעלע געצייג אין א לאבאראטאריע, און א זייגאָט (zygote) ווערט באשאפן וועלכע וואקסט פאר עטליכע טעג, געווענליך צווישן דריי און פינף טעג, און דאן ווערט עס איינגעפלאנצט אינעם רחם פון דער פרוי. אין סוראָגעסי (surrogacy), ווערט עס איינגעפלאנצט אין אן אנדער פרוי וועלכע גיבט געבורט פאר'ן קינד.

די אייער-צעל געניצט אין איי-ווי-עף מוז זיין שוין רייף און גרייט פאר פערטיליזאציע, צוליב וואס די מעדיצינישע וועלט פארמאגט נישט דערווייל א מיטל צו צייטיגן אן אייער-צעל אינדרויסן פון גוף, כאטש וואס גרויס פארשריט ווערט געמאכט אין דעם הינזיכט אין די לעצטערע יארן. דעריבער, ווען עס פעלט זיך אויס, וועט מען געבן פאר דער פרוי א דאזע פון ספעציעלע הארמאנען צו פארשנעלערן די ערוואקסונג פון דער אייער-צעל איידער עס ווערט ארויסגענומען.



# רעפראדוקטיווע מעדיצין אין הלכה:

## די אייערשטאק-טראנספלאנט דעבאטע

דורך: השכל הפועל

דער פארשריט אין רעפראדוקטיווע מעדיצינען האט געברענגט פיל נייע הלכה-שאלות. אנגעהויבן מיט הזרעה מלאכותית (IUI) מיט זרע פונעם מאן, שפעטער איבער נעמען זרע פון א פרעמדן מאן, דערנאך איבער תרומת ביציות (Egg donation) און פונדקאות (Surrogacy), פון דארט צו השתלת רחם (Uterus transplant), ביז צו דער יעצטיגער שערוריה איבער השתלת שחלות (Ovary transplant).

די הויפט שאלה אין דער יעצטיגער השתלות-שחלות שערוריה איז: ווער הייסט די מאמע פונעם קינד? די מתירים טענה'ן אז די שחלות ווערן "בטל" צו דער פרוי וואס באקומט עס. דערקעגן די אוסרים טענה'ן, אז DNA איז קובע דעם יחוס, און צוליב דעם איז זיך דאס קינד מתייחס צו דער פרוי וואס האט געשאנקען די שחלות.

מיר וועלן דא געבן א שנעלן איבערבליק איבער די הלכה'דיגע שאלות אין די פארשידענע פראצעדורן כדי בעסער ארויסצוהאבן דאס יעצטיגע מחלוקת.

### הזרעה מלאכותית

געוועגליך ווערט א פרוי טראגעדיג דורכ'ן באקומען זרע פון איר מאן דורך א ביאה. אין יאר תקנ"ג (1753) איז דאס ערשטע מאל באריכטעט געווארן איבער דר. דזשאן האנטער פון לאנדאן וועלכער האט סוקסעספול דורכגעפירט א פראצעדור צו נעמען זרע פונעם מאן און עס דירעקט אריינלייגן אינעם רחם פון דער פרוי. די פראצעדור פארגרעסערט די שאנסן פון שוואנגערשאפט, וויבאלד עס מיידט אויס אסאך שטערונגען אויפ'ן וועג.

באמת איז אבער דער געדאנק נישט אינגאנצן ניי. די גמרא אין חגיגה (טו.) זאגט אז א בתולה וואס איז נתעבר געווארן איז מותר פאר א כהן גדול ווייל מ'נעמט אן אז זי איז נתעבר געווארן אין אן אמבטי (וואנע) דורך זרע וואס האט זיך דארט געפונען, און נישט אז זי איז א בעולה.

אין די פוסקים טרעפט מען רעדן דערוועגן ווי אן אקטועלע שאלה פון בערך תר"נ און ווייטער. בעיקר איז באקאנט דער מהרש"ם (ח"ג, סי' רסח) וואס איז עס מתיר, און זיין פסק איז היינט מער-ווייניגער אנגענומען איבעראל.

דער עיקר שאלה איז צי דאס קינד ווערט נתייחס נאכ'ן מאן באופן וואס ס'איז נישט געווען קיין ביאה. די פוסקים ברענגען א ראיה פון רבינו פרץ וואס שרייבט אז די סיבה פארוואס פרויען זענען געווארנט נישט צו זיצן אויף א ליילעך פון א פרעמדן מאן וואס קען מעגליך האבן זרע איז

נישט ווייל דאס קינד וועט זיין א ממזר, וויבאלד א ממזר איז נאר ווען עס איז דא א "ביאת איסור", נאר צוליב דער פראבלעם פון "הבחנה" - מ'וועט נישט וויסן וועמענ'ס קינד דאס איז, און דאס קען ברענגען צו מכשולות. וויבאלד ער זאגט אז ביי אזא פאל איז דא א פראבלעם פון הבחנה, ווייזט דאס אז דאס קינד איז זיך מתייחס נאך זיין טאטן.

אין די לעצטע צענדליגער יארן איז פארהאן א פרישע טעכנאלאגיע גערופן IVF, וואס מיינט אז מ'נעמט די זרע פון דעם מאן און דער פרוי, מ'איז זיי מפרה אין א לאבאראטאריע, און שפעטער לייגט מען עס אריין אינעם רחם פון דער פרוי. דער בליק פון די פוסקים אויף דעם איז בערך דאס זעלבע ווי הזרעה מלאכותית.

## הזרעה מלאכותית פון א פרעמדן מאן

אין פעלער וואס דער מאנ'ס זרע איז נישט פרוכטבאר, איז דא אן עצה צו נעמען זרע פון אן אנדער מאן. דער ערשטער אזא פאל איז דורכגעפירט געווארן דורך דר. וויליאם פאנקעסט אין פילאדעלפיע אין יאר תרמ"ד, אן דעם וויסן פונעם פארפאלק. עס איז ערשט באקאנט געווארן נאך זיין טויט אין תרס"ט. שפעטער, מיט דער טעכנאלאגיע פון פרירן זרע וואס האט זיך אנגעהויבן ארום תש"י, איז עס געווארן מער גאנגבאר.

אין די פוסקים איז די שאלה בעיקר אויפגעברענגט געווארן אין די סוף-תש"י אנפאנג-תש"כ יארן, בעיקר צוליב די תשובות פון ר' משה פיינשטיין (אגרות משה סי' י' וסי' עא). אין איין תשובה שרייבט ער אז א פרוי וואס באקומט זרע פון א פרעמדן איד איז דאס קינד נישט קיין ממזר, וויבאלד רבינו פרץ שרייבט אז די פראבלעם פון ממזר איז נאר ווען עס איז דא א ביאת איסור. אין דעם פאל איז דאך נישט דא קיין ביאה, דעריבער איז ער נישט קיין ממזר. אין א צווייטער תשובה שרייבט ער אז נעמען זרע פון א איד איז אסור צוליב דער פראבלעם פון הבחנה, אבער פון א גוי איז מותר (פון א גוי איז דאס קינד זיכער נישט קיין ממזר, ווי דער דין פון גוי הבא על בת ישראל).

דער סאטמאר רב (תשובות דברי יואל סי' קז-קי) איז קאטעגאריש מחולק און טענה'ט אז עס פעלט נישט אויס קיין ביאת איסור אז דאס קינד זאל זיין א ממזר. ער ברענגט ראיות פונעם רמב"ן און ספר החינוך אז דער טעם איסור אשת איש איז אויך צוליב תערובת זרע. ער זאגט אז אפילו רבינו פרץ האלט אויך אז עס קען זיין א ממזר אן א ביאת איסור, נאר פארלאנגט עס זאל זיין א מעשה איסור, און ביי אמבטי אדער ליגן אויף א ליילעך איז נישטא קיין מעשה איסור.

(ס'איז ווערד אנצומערקן, אז בעצם איז דא א מקום אוועקצומאכן די ווערטער פון רבינו פרץ וואס בויט זיינע ווערטער אויף א ספר מיט'ן נאמען "אלפא ביתא דבן סירא" [נישט דער ספר בן סירא פון זמן בית שני] וואס דארט שטייט אז בן סירא איז געבוירן פון דער זרע פון ירמיה הנביא ווען ער איז געצוואונגען געווארן מוציא צו זיין זרע אין מרחץ, און נאכ'ן מתפלל זיין האט די השגחה געפירט אז זיין טאכטער זאל נתעבר ווערן פון דער זרע, און וועגן דעם ווערט ער אנגערופן בן סירא, ווייל סירא איז בגימטריא ירמיהו. דער מקור פון דעם ספר און זיין אמת'דיגקייט איז שטארק מפוקפק, עס שטימט ניטאמאל מיט'ן סדר הדורות אז בן סירא זאל האבן געווען א זון פון ירמיה, און וויבאלד דאס איז דער אייציגער מקור קען מען טענה'ן אז באמת פעלט נישט אויס קיין ביאת איסור פאר ממזרות. למעשה האבן אבער אסאך ראשונים אנגענומען דעם ספר מיט דער פולסטער ערנסטקייט, און אין הלכה ווערט אזוי גע'פסק'נט.)

אין תשובות חלקת יעקב (סי' יד-כא) פון הרב ברייש פון ציריך, זענען דא תשובות צווישן אים און ר' משה וואו ער איז מחולק מיט ר' משה אז מ'זאל מעגן נעמען פון א גוי צוליב פארשידענע חששות,

ווי למשל אז זיין מאמע וועט דארפן חליצה און עס וועט זיין אן איסור פון יבמה לשוק, אבער ער איז אויך נישט מסכים מיט סאטמאר רב אז ווען די זרע קומט פון א איד איז דאס קינד א ממזר, כאטש וואס ער צייכנט אן געוויסע מקורות וואו ס'איז משמע דלא כרבינו פרץ. דארט טענה'ט ר' משה אז מ'קען נישט ברענגען קיין ראיה פון די טעמים וואס מ'טרעפט אין ראשונים אויף איסור אשת איש.

## תרומת ביצית

אנדערש ווי ביי מענער, זענען ביי פרויען פאראהן צוויי חלקים: די זרע וואס א פרוי גיבט פונקט ווי דער מאן, און דאס אז דאס קינד אנטוויקלט זיך אין איר במשך ניין חדשים. נאך דער ערפינדונג פון IVF אין די תש"מ-נ יארן, האט זיך די טעכנאלאגיע אנטוויקלט צו קענען אפטיילן צווישן די צוויי; ביי א פאל וואס די זרע פון דער פרוי איז נישט ראוי להוליד, קען מען מאכן IVF מיט דער זרע פון א צווייטער פרוי. אויף דעם איז אויפגעקומען די שאלה: וואס איז קובע מוטערשאפט, די בעלת הביצית אדער די וואס טראגט דאס קינד?

עס זענען דא פארשידענע מיינונגען צווישן די פוסקים. טייל האלטן אז די בעלת הביצית איז די מאמע וויבאלד גענעטיש איז עס איר קינד (קנה בושם ח"ד, סימן צה; הרב עובדיה יוסף), אנדערע האלטן אז די פרוי וואס געבוירט דאס קינד הייסט די מאמע (ציץ אליעזר חלק יט, סימן מ'; שבט הלוי



חלק יא, סי׳ רלו, אות ד׳), געוויסע האלטן אז עס איז א ספק (הגרש״ז אויערבאך והגרי״ש אלישיב), און געוויסע זענען מצדד אז ביידע הייסן גאר די מאמע (תשובות והנהגות ח״ה סי׳ שיח).

אויב איז זיכער אז די פרוי וואס געבוירט דאס קינד הייסט די מאמע, איז לכאורה נישטא קיין הלכה׳דיגע פראבלעם מיט תרומת ביצית. די פראבלעם הייבט זיך נאר אן לויט׳ן צד אז דאס קינד איז זיך (נאר/אפשר/אויך) מתייחס צו דער בעלת הביצית.

יעצט אויב נעמט מען די ביצית פון א אידישער פרוי, אפילו אויב מ׳נעמט פון א פנויה וואס דעמאלט איז זיכער נישטא קיין חשש ממזרות, האבן אסאך פוסקים גע׳אסר׳ט צוליב פארשידענע סיבות, ווי למשל די פראבלעם פון הבחנה אז מ׳וועט נישט וויסן וועמענ׳ס קינד דאס איז. אויב די ביצית קומט פון א נישט-איד איז טאקע נישטא קיין פראבלעם פון הבחנה, ווייל גר שנתגייר כקטן שנולד דמי, אבער מגייר זיין א קינד איז א קאמפליצירטער הלכה׳דיגער נושא, און אזוי אויך איז זיך דאס קינד נישט מתייחס נאכ׳ן טאטן כדין ישראל הבא על גויה. צוליב דעם האבן טאקע אסאך פוסקים גע׳אסר׳ט תרומת ביצית אין יעדן פאל. אנדערע רבנים האבן יא מתיר געווען תרומת ביצית, געוויסע דורכ׳ן נעמען פון א אידישער פרוי, א פנויה (הרב עובדיה יוסף, הרב אשר וייס), און געוויסע דורכ׳ן נעמען פון א נישט-אידישער פרוי און שפעטער מגייר זיין דאס קינד (הגר״ש עמאר).

## פונדקאות

א פארקערטע שאלה איז ווען א פרוי פארמאגט זרע וואס איז ראוי להוליד אבער איר רחם פונקציאנירט נישט ווי עס דארף צו זיין, צי מ׳מעג צוזאמפאַרן די זרע הבעל מיט דער זרע האשה דורך IVF און דערנאך עס אריינלייגן אין א צווייטער פרוי וועלכע וועט דינען אלס גאסטגעבערין צו טראגן דאס קינד פאר ניין חדשים. דא וועט זיין פארקערט ווי פריער, לויט די וואס האלטן אז עס ווענדט זיך נאר אין דער בעלת הביצית איז לכאורה נישטא קיין פראבלעם, און הרב עובדיה יוסף האט צוליב דעם טאקע מתיר געווען פונדקאות. אבער עס זענען פארהאן אנדערע, וואס כאטש זיי האלטן אז עס איז זיך מתייחס צו דער בעלת הביצית אסר׳ן זיי נאכאלץ צוליב חששות פון יוחסין וואס קענען ארויסקומען צוליב וואס דאס קינד ווערט געבוירן דורך אן אנדער פרוי (קנה בשם).

## השתלת רחם

אין שנת תש״ס איז דורכגעפירט געווארן די ערשטע השתלת רחם, און פיר יאר שפעטער איז געבוירן געווארן דערפון א קינד. ענליך צו פונדקאות איז דאס געאייגנט פאר א פרוי וואס איר זרע איז ראוי להוליד אבער איר רחם טויגט נישט. אין דעם ענין איז דא א ברייטע הסכמה צווישן די פוסקים להיתר, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, לויט די וואס האלטן אז די בעלת הביצית הייסט די מאמע איז נישטא קיין פראבלעם. און אפילו די חששות וואס זענען דא ביי פונדקאות זענען דא נישט שייך ווייל דאס קינד האט נישט קיין שייכות מיט אן אנדער פרוי. אבער אפילו די וואס האלטן נישט אזוי זענען דא אויך מתיר צוליב וואס דער רחם ווערט ״בטל״ צו דער פרוי אין וועם מ׳האט עס אריינגעלייגט און ווערט פאררעכנט ווי א חלק פון איר גוף, און צוליב דעם איז עס זיך מתייחס נאך איר.

דאס איז געבויט אויף פוסקים פון פאר דער קריג וועלכע האבן דן געווען איבער השתלת שחלות, וואס זיי שרייבן אז עס ווערט בטל צו איר גוף. און אפילו וואס ביי השתלת שחלות זענען דא וואס נעמען עס נישט אן, צוליב די סיבות אויסגעשמועסט שפעטער, נעמט דאס אבער כמעט יעדער אן ביי השתלת רחם (עי׳ משיב נבונים ח״ט סי׳ נה).

## השתלת שחלות - דאס יעצטיגע מחלוקת

דאס יעצטיגע הלכה'דיגע מחלוקת איז איבער השתלת שחלות - אווערי טרענספלענט. שחלות איז דער אבר וואו די זרע האשה ווערט באשאפן, און אין א פאל וואס די זרע האשה איז נישט ראוי להוליד קען מען איינלייגן די שחלות פון אן אנדער פרוי.

די שאלה איז באמת אלט. אין יאר תרנ"ה האט דר. ראבערט מאריס סוקסעספול דורכגעפירט אן אייערשטאק-טראנספלאנט פאר צוויי פרויען, און איינע פון זיינע פאציענטן האט לויט באריכטן שפעטער געבוירן א קינד. טראץ זיין סוקסעס, זענען נישט ווייטער דורכגעפירט געווארן די פראצעדורן ביז די סוף תש"מ יארן צוליב פארשידענע קאמפליקאציעס.

ווען דאס האט געמאכט נייעס איז געווארן א שמועס אין די קובצים אין די סוף תר"ס יארן. דעמאלט איז אויפגעברענגט געווארן די סוגיא פון "ילדה שסיבכה בזקנה" - א יונג צווייגל וואס מ'האט מרכיב געווען אין אן אלטן בוים. די הלכה זאגט אז מ'רעכנט די יארן פון ערלה לויט דעם אלטן בוים, וואס די יונגע צווייג ווערט בטל צו אים. פארשידענע פוסקים האבן דאס אנגענומען אויף אונזער פאל. דער דאזיגער פסק איז דער יסוד פון דער שיטת המתירים וואס זאגט אז די שחלות ווערן א חלק פון דער פרוי וואס באקומט זיי, מאכנדיג דאס קינד אלס איר קינד.

די אוסרים, ווידעראום, בויען זייער טעם לאיסור בעיקר אויף דריי טענות:

- די ערשטע טענה איז אז מ'קען נישט מדמה זיין די סוגיא פון ערלה צו אונזער נושא, צי ווייל ס'איז א ספעציפישער דין ביי ערלה, צי ווייל מ'קען בכלל נישט מדמה זיין ביימער צו מענטשן (ר"צ אויש, ר"מ שטיינמעטץ). אויף דעם טענה'ן די מתירים אז די פוסקים וואס האב דן געווען דערוועגן אין די פריערדיגע יארן האבן עס יא מדמה געווען, אויך ביי השתלת רחם ווערט די סברא באניצט, דעריבער איז נישטא קיין סיבה עס נישט צו ניצן אין אונזער פאל. און אפילו אן דער סוגיא פון ילדה שסיבכה בזקנה, טרעפט מען אין פארשידענע פוסקים אז אן אבר ווערט בטל צום מענטש אין וועם מ'האט עס איינגעלייגט.

מ'דארף טאקע אריינטראכטן אויב די וואס טענה'ן אז מ'קען עס נישט פארגלייכן וועלן האבן א פראבלעם מיט השתלת רחם. עס איז גראדע מערקבאר אז ר"מ שטיינמעטץ, אין זיין אויבנדערמאנטער תשובה אין משיב נבונים איבער השתלת רחם, ניצט יא די סברא פון ביטול - אבער אין זיין יעצטיגער תשובה ברענגט ער פון הגרש"ז אויערבאך אז מ'קען נישט מדמה זיין ביימער צו מענטשן. טוט ער דא צוריקציען פון וואס ער שרייבט דארט? מעגליך אז דארט האט ער עס נאר געניצט אלס א סניף, האלטנדיג בעצם אז עס איז נישט קיין פראבלעם צוליב וואס מוטערשאפט ווענדט זיך אין ווער עס גיבט די זרע.

- די צווייטע טענה פון די אוסרים איז, אז וויבאלד דער DNA פונעם קינד וועט זיין ווי די תורמת, איז זיך דאס קינד מתייחס נאך איר. זיי טענה'ן אז DNA איז קובע דעם יחס פון א מענטש (ר"מ זילבער, ר"צ אויש, ר"מ שטיינמעטץ). לויט די וואס האלטן אז ביי תרומת ביצית איז דער יחס נאך דער פרוי וואס האט געבוירן, איז זיכער אז DNA איז נישט קובע, אבער דער עיקר פולמוס דא איז צווישן די וואס זענען מסכים אז תרומת ביצית איז א פראבלעם, און די אוסרים טענה'ן אז אלעס ווענדט זיך אין DNA.

די מתירים ענטפערן אבער אפ די טענה זאגנדיג אז עס איז נישטא קיין מקור אין הלכה

אז DNA איז קובע יחס. דאס וואס DNA ווערט געניצט אין פעלער פון עגונות איז בלויז אלס סימן מובהק אז דאס איז יענער מענטש, פונקט ווי א חפץ פון יענעם, אבער דאס מיינט נישט אז DNA איז קובע וועמענ'ס קינד דאס איז.

די מתירים ברענגען געוויסע ראיות והוכחות אז DNA איז נישט קובע יחס, ווי למשל דאס וואס די נייע טעכנאלאגיע CRISPR טוט ערלויבן צו טוישן DNA פון זרע. וועט דען א קינד ווערן פארערעכנט א צווייטנ'ס קינד אויב מ'וועט טוישן זיין DNA צו יענעמ'ס? די אוסרים טענה'ן אבער אז דא אין דעם פאל קומט דאך דער DNA פון דער תורמת, און וויבאלד DNA איז דער עיקר איז זיך עס מתייחס נאך דער תורמת.

- די דריטע טענה פון די אוסרים איז אז די אָועסייטס (oocytes), וואס פון דעם וועט זיך וועוונטועל אנטוויקלען די פארטיגע זרע, איז עפעס וואס עקזיסטירט שוין אין דעם אייערשטאק פון דער תורמת פון ווען זי איז געבוירן געווארן (זע ביאלאגישע אפהאנדלונג דורך @פעדער). און אפילו אויב מ'זאל אננעמען אז דער אייערשטאק זעלבסט ווערט בטל, ווערן אבער די אועסייטס



נישט בטל און דאס קינד איז זיך מתייחס צו דער ערשטער פרוי. זיי טענה'ן אז צוליב דעם איז עס איז נישט אנדערש ווי תרומת ביצית.

די מתירים ענטפערן אז די אועסייטס ווערן אויך א טייל פון דעם מקבל דורך ביטול, צוליב וואס זיי זענען נאך בכלל נישט קיין זרע; זיי זענען פיצינקע צעלן וואס זענען א חלק פונעם אבר און ווערן בטל צוזאמען מיט אים. אויך סייענטיפיש זענען זיי נאך גאנצע צעלן (Diploids) און נישט קיין האלבע צעלן (Haploids) וואס דאס איז איינער פון די עיקר זאכן וואס מאכן די זרע-צעלן אנדערש ווי אנדערע צעלן אינעם גוף, דערפאר איז עס ווי א חלק פונעם אייערשטאק און ווערט בטל מיט אים.

דאס ווערט גוט אילוסטרירט דורך דער נייער טעכנאלאגיע פון איי-ווי-דזשי (In Vitro Gametogenesis) וועלכע ערלויבט צו פראדוצירן זרע-צעלן פון סיי וועלכער צעל פון קערפער דורך פארגעשריטענע פראצעדורן, אבער דאך וועט קיינער נישט זאגן אז אלע צעלן זענען זרע-צעלן צוליב וואס זיי האט דעם פאטענציאל דערויף. דאס זעלבע איז מיט אועסייטס: דאס אז זיי וועלן שפעטער ווערן פארוואנדלט אין זרע מיינט נישט אז זיי זענען שוין יעצט זרע.

*

א יסודות'דיגע נקודה אין דער דעבאטע איז צי מ'קען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס האבן גערעדט דערוועגן פאר דער קריג.

עס זענען קלאר געווען אזעלכע וואס האבן ווי עס זעט אויס געמיינט אז מ'רעדט פונעם רחם - נישט פונעם אייערשטאק - ווי מ'זעט אין שו"ת ר' עקיבה יוסף (יו"ד רכח). אויך אין תשובות צור יעקב (סי' כח) וואונדערט ער זיך פארוואס מען דארף צוקומען צו ביטול ווען די זרע קומט דאך פון דער מקבלת. אבער א שיינער טייל פוסקים וועלכע האבן יא פארשטאנען אז מ'דארף צוקומען צו ביטול, זענען ביי דער מיינונג אז דער אבר ווערט טאקע בטל צו דער מקבלת. אזוי שרייבט דער אבן יקרה (סי' כט), דער בעל שו"ת פרי השדה (קובץ וילקט יוסף, קובץ י', סי' כב), און צו זיינע ווערטער האבן זיך מצרף געווען דער בעל מחזה אברהם און הגאון ר' מאיר אריק בעל אמרי יושר (וילקט יוסף, קובץ י', סי' קב). אזוי האלט אויך דער בעל מעשי למלך (קובץ תל תלפיות, כרך טז, עמ' קע), און די סברא שרייבט אויך ר' יקותיאל אריה קאמאלהאר (התלמוד ומדעי תבל, עמוד מד) וואס ברענגט אויך אז ר' מאיר אריק האט מסכים געווען צו אים. אזוי שרייבט אויך דער בעל מור ואהלות (קובץ אהל יצחק, שנה ה', חוברת ד').

דאס מיינט אז אויף דער ערשטער טענה, צי מ'קען בכלל זאגן אז דער אבר ווערט בטל, איז דא א ברייטע הסכמה פון די פריערדיגע פוסקים אז עס ווערט בטל.

אפילו אויף דער טענה פון DNA, שרייבט ר' יקותיאל אריה קאמאלהאר אז די צורה פונעם קינד וועט זיין אזוי ווי די תורמת, און אפילו אזוי איז ער מתיר און זאגט אז ר' מאיר אריק האט מסכים געווען מיט אים.

אבער דער עיקר טענה פון די אוסרים איז אז די אלע פוסקים האבן נישט געוואוסט אז די אועסייטס עקזיסטירן שוין לאנג פאר דעם טראנספלאנט, וואס דאס מיינט אז די זרע קומט נאך פון דער ערשטער פרוי, און אדעתא דהכי האבן די אלע פוסקים נישט גערעדט. ווידעראום די מתירים זאגן אז דאס איז נישט קיין סיבה אז די הלכה זאל זיין אנדערש ווי אויבן דערמאנט.

עס איז ערווארטעט אז פרישע טעכנאלאגיע אין דעם פעלד וועט פון איין זייט ברענגען לייזונגען פון וואס אלע זייטן וועלן זיין צופרידן, און פון דער אנדערער זייט אויפברענגען פרישע פראבלעמען און שאלות וואס וועלן פאדערן פרישע אפהאנדלונגען.

אייערשטאק
פאליטיק

# כראנאלאגישע **השתלשלות העניינים** און **פאליטישער איבערזיכט** איבער דער **"השתלת שחלות"** דעבאטע

דורך: נחום כץ

איבערגעקוקט דורך: תרמב*



### הקדמה

געווען איז עס ערגעץ ארום פורים צייט תשפ"ה ווען די מערכה איז ארויסגערונען צו דער ברייטער היימישער וועלט, אבער די רבנ'ישע פאלעמיק ארום אייערשטאק טראנספלאנטס (ovarian transplant), אדער ווי די פראצעדור ווערט גערופן אין עברית "הַשְׁתָּלַת שַׁחֲלוֹת", האט זיך שוין בעצם געקאכט הינטער פארמאכטע טירן צווישן פוסקים און רבנים אין היימישע קווארטלען דורכאויס דעם גאנצן ווינטער און אפילו נאך פריער.

די היציגע דעבאטע האט זיך אנגעהויבן נאכדעם וואס די מעדיצינישע פראצעדור איז לעצטנס געווארן צוגענגליך אלס א פראקטישע אפציע פאר פרויען מיט פעלערהאפטיגע אייערשטאקן.

דאס איז א שערורייה וואס איז מערקווירדיג ביז גאר, ווען רבנים וואס פארנעמען זיך בדרך כלל מיט אמאליגע ספרים אינערהאלב די ד' אמות של הלכה, דארפן זיך אריינטון אינעם מציאות פון די מאדערנסטע אופני רפואה און סייענטיפישע המצאות און זיי פארגלייכן מיט זייער אויסגעטראטענעם וועג פון פסק'ענען הלכה'דיגע שאלות.

די שווערע דילעמע פון ווען זיך צו פארלאזן אויף די אלגעמיינע וויסנשאפטלער און ווען נאכצוגיין הלכה בלינדערהייט קומט טאקע אויס דא-דארט ווען הלכה איז דן אויף מאדערנעם מציאות, אבער דא שמייסט עס נאך מער אין פנים, אויף א פארנעם וואס מען האט שוין לאנג נישט געזען.

די דילעמע גייט נאך טיפער ווי אנדערע ענליכע פולמוס'ן, ווייל אפילו רבנים וואס וואלטן געווענליך גרינגערהייט גענומען א מהלך פון אסר'ן, און זיין אויף "דער זיכערער זייט", האבן דאסמאל געדארפט טיפער באטראכטן דעם נושא צו טרעפן א היתר זינט די רעדע איז פון פארפעלקער וואס קומען ווייגען צו די רבנים אז זיי ווילן האבן קינדער. און טאקע פיל רבנים וואס ווערן געווענליך אנגעקוקט ווי גרויסע מחמירים האבן זיך דאסמאל צוגעשטעלט צו די מתירים.

אויך איז גאר אינטערעסאנט צו ליינען די פיל תשובות איבער דעם נושא, וואס אין אן

---

*אסאך פון דער אינפארמאציע אין דעם ארטיקל קומט פון די שמועסן אויף דעם "קרעמל" פארום, ספעציעל פון די ניקס @צורבא דרבנן, @משה שטיינמעץ, @שגור, @עמרם, @בינה ודעת און נאך, ותשואות חן חן להם.

אינטערעסאנטן פענאמען רירט עס צו צום נושא פון געשלעכט גופא, וואס איז עפעס וואס היימישע פוסקים אדרעסירן נישט געוועגליך געהעריג ברבים, וואס דאס מאכט דעם דיון נאכמער זעלטן און אינטערעסאנט.[1]

אזוי אויך האט זיך ארויסגעוויזן א געוויסע שפאנונג צווישן די עלטערע און יינגערע איבער דער שאלה ווער ס'איז בארעכטיגע אריינצורעדן אין אזא נושא, ווען פון עטליכע עלטערע רבנים האט מען געהערט א ליניע אז יונגע מוצי"ם האבן נישט וואס צו שרייבן דערוועגן.

## דער נושא

השתלת שחלות איז א באהאנדלונג פאר פרויען וואס קענען נישט האבן קיין קינדער צוליב וואס זייערע אייער-צעלן זענען אדער אויסגעשטארבן אדער פעלערהאפטיג מעיקרא. די פראצעדור לאזט ארויסנעמען איינעם פון די אייערשטאקן פון א געזונטער פרוכטבארער פרוי (יעדע פרוי פארמאגט צוויי) און עס אריינפלאנצן אין דער עקרה, און אזוי ארום צוריקשטעלן איר מעגליכקייט צו טראגן איין אדער מערערע קינדער.

יוטערוס טראנספלאנטס (uterus transplant/השתלת רחם) האט מען שוין אין די חרד'ישע קרייזן מתיר געווען מיט א תקופה צוריק, אין דער צייט וואס תרומת ביצית האבן רוב חרד'ישע רבנים גע'אסר'ט.[2] אבער דאסמאל איז די שאלה וועגן אייערשטאק טראנספלאנטס וואס די אייער-צעלן דערין זענען נאכנישט פארטיג און ווערן נאר רייף דורך די הארמאנען פון דעם מקבל.[3]

עס דארף באטאנט ווערן אז דער גאנצער שטורעם איז בעצם בעיקר נוגע פאר א קליינער צאל היימישע אידן. אנדערש פון איי-ווי-עף וואס ווערט געטון דורך הונדערטער אידן יעדעס יאר, נעמענדיג אין באטראכט אז רוב ארטאדאקסישע רבנים אינדרויסן פון די חרד'ישע קרייזן האבן אנגענומען אז ס'איז מותר, זענען די פעלער וואו מען דארף צוקומען צו אן אייערשטאק פון אן אנדערע פרוי בעיקר נוגע פאר א קליינער צאל היימישע פארפעלקער וועלכע נעמען אן דעם פסק פון די חרדי'שע רבנים וואס האבן גע'אסר'ט תרומת ביצית.

## די מתירים

די היימישע דיינים און מומחים אין אינפערטיליטי באהאנדלונגען, אדער ווי דער תחום ווערט גערופן אין עברית "פוריות ורפואה ע"פ הלכה", זענען צעטיילט איבער דער נושא. ביים שפיץ פון דעם צד המתירים שטייט רבי בנימין לאנדא, דער טאהשעער דיין אין בארא פארק, ואיתו עמו זיין תלמיד הרב חיים אהרן אונגאר, דומ"ץ אין קהילת סאטמאר מהר"א אין וויליאמסבורג, און דיין פון דער עי-טיים ארגאניזאציע - אן ארגאניזאציע ענליך צו בוני עולם, וועלכע העלפט ארויס פארפעלקער מיט פערטיליטי שוועריגקייטן.

1) איין אינטערעסאנטער ביישפיל איז א תשובה להיתר פון הרב יואל אבראהאם פון קהילת בני יואל אין קרית יואל וואס באשולדיגט די אוסרים אין פארשפרייטן מינות ואפיקורסות מיט'ן ברענגען באווייזן פון סייענס און פון די-ען-עי לאיסור, וואס דארט רעדט ער אויך ארום איבער ארגאזעם ביי פרויען און דעם אפעקט וואס עס האט אויף די אייער - עפעס וואס איז א חידוש פאר א פרומען חסיד'ישן דיין.

2) הגם פון ר' אפרים פישעלע הערשקאוויטש ז"ל אב"ד האליין איז דא א היתר אויף דעם, און אזוי אויך פון הרב עובדיה יוסף ז"ל, מיט געוויסע תנאים. א שטארקער חידוש איז הרב חיים יוסף דוד ווייס, באקאנט אלס "חיד"ו", דער דיין אין קהילת סאטמאר מהרז"ל אין אנטווערפן וועלכער איז ברייט באקאנט מיט זיינע פדיון שבויים אקטיוויטעטן. ער האט געשריבן א תשובה מיט יארן צוריק מתיר צו זיין תרומת ביצית, און דערצו ברענגט ער דארט אן אינטערעסאנטע עדות להיתר פון רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן ז"ל, לאנגיעריגער ראב"ד אין קהילת סאטמאר וויליאמסבורג. הרב חיד"ו האט זיך נישט אנגערופן ביי דער יעצטיגער שערורייה, אבער לויט ווי עס הייסט האלט ער אז שחלות האט דעם זעלבן דין ווי ביציות, און לויט אים דארפן די אוסרים דארט אויך אסר'ן שחלות.

3) אגב, אין דער צייט וואס השתלת רחם קאסט 2-3 הונדערט טויזנט דאלאר, קאסט השתלת שחלה בערך 40-50 טויזנט דאלאר.



ר' בנימין לאנדא (שטייענדיג) גיבט די הענט פאר ר' מענדל זילבער ביי א שמחה ל"ג בעומר צייט תשפ"ה



די אסיפה פון די מתירים אין הויז פון ר' בנימין לאנדא



ר' חיים אהרן אונגאר טרעט אויף ביי דער אסיפה אין הויז פון ר' בנימין. הינטער ר' בנימין ווערט געזען ר' בעריש לאבין וועלכער איז געווען אקטיוו אין ארגאניזירן די אסיפה

רבי בנימין לאנדא איז א גרויסער תלמיד חכם, וואס אין צוגאב צו זיינע קענטעניסן אין תורה באזיצט ער א גוט ענגליש און א ברייטע באקאנטשאפט אין מעדיצינישע ידיעות[4]. צוליב דער קאמבינאציע פון זיין פערזענליכקייט און קענטעניסן, איז ער שוין פאר פיל יארן באקאנט אלס מומחה בענייני רפואה און פיל מענטשן יאגן אים נאך טאג און נאכט אנצופרעגן כל מיני שאלות אין מעדיצינישע פראבלעמען. ר' בנימין איז זייער אויסגעשפראכן מיט זיין מיינונג להתיר, אזש ער האלט אז די אוסרים האבן פשוט נישט ארויס דאס מציאות הדברים וויאזוי צעלן ארבעטן.

רבי חיים אהרן אונגאר איז אריגינעל א באבובער חסיד און א פלימעניק פון הרב מרדכי דוד אונגאר אדמו"ר מבאבוב-45. ער איז דער רב פון ביהמ"ד "לב אהרן" פון קהילת סאטמאר מהר"א אויף סאוט-8 אין וויליאמסבורג, און זעט זיך אלס תלמיד מובהק פון ר' בנימין[5]. אויסער זיין עסקנות אין אינפערטיליטי

4) ר' בנימין איז אליין א טאטע צו א קינדער-געבענטשטער שטוב און אויך א מוהל מומחה. נאך דער פטירה פון רבי יצחק טובי' ווייס ז"ל איז געווען א שטיקל רעדע אים אויפצונעמען אלס גאב"ד העדה החרדית. לויט די שמועות האט זיין רעביצין נישט געוואלט.
5) בעפאר מען האט אים אויפגענומען פאר רב אין לב אהרן איז געווען א רעדע אים אויפצונעמען אלס רב פון קהל מחזיקי הדת אין מאנטשעסטער אויפ'ן פלאץ פונעם פריערדיגן רב, הרב מנחם מענדל שנעבאלג ז"ל. ר' חיים אהרן פלעגט אויך זיין אויפ'ן באורד פון חברה

אנגעלעגנהייטן, איז ער שוין פאר עטליכע יאר א שטארקע שטימע אין פארשידענע נושאים וואס זענען ביז לעצטנס געווען טאבו אין דער חרדי'שער וועלט, אריינגערעכנט מענטל העלט, אביוז, און קינדער וואס פארלאזן אונזער געזעלשאפט.

סוף ווינטער תשפ"ה האט רבי חיים אהרן געשריבן בריוו צו אנדערע רבנים בעטנדיג אז זיי זאלן זיך מצרף זיין צום היתר פון זיין מורה דרך. אין איינעם פון זיינע בריוו, דאטירט ארום פורים צייט, ווענדט ער זיך צום פריימאנער רב רבי מנחם זכריה (מענדל) זילבער, מחבר שו"ת מאזני צדק און ראב"ד פון התאחדות הרבנים, מיט א בקשה אז ער זאל זיך צושטעלן צום היתר. רבי חיים אהרן איז מצרף צו זיין בריוו א לענגערע תשובה אין וועלכער ער לייגט פאר רבי בנימין לאנדא'ס שטעלונג אין דעם נושא און קומט אויף מיט נימוקים להתיר.

צום צד המתירים האבן זיך אויך צוגעשטעלט רבי געציל בערקאוויטש, מחבר שו"ת אגלי דבש און דיין פון קהילת סאטמאר מהר"א אין קרית יואל; רבי מענדל שפרן אב בי"ד הישר והטוב אין ירושלים לענייני ממונות[6]; רבי יוסף ישראל אייזענבערגער, דיין אין שיכון סקווירא; און רבי שלמה שבתי קעסטענבוים פון וויליאמסבורג, אן ארויפגעקוקטער תלמיד חכם, מגיד מישרים אין בית המדרש בנין בראך, א ראש הכולל אין קהילת סאטמאר מהר"א, און פון די אנפירער פון חבורת "תורתך שעשועי".

## די אוסרים

אויפ'ן צד האוסרים האבן זיך געשטעלט פעלזן פעסט רבי מענדל זילבער, רבי זושא אויש[7], און דערנאך אויך זיין פאטער רבי הערשל אויש[8], אב"ד וואלקאן אין וויליאמסבורג. ר' הערשל אויש איז שוין יארן עוסק אין העלפן אידן מיט מעדיצינישע פראבלעמען בכלליות, און אויך איז ער געווען היפש פארמישט אין עי-טיים. סיי ר' מענדל זילבער און סיי ר' הערשל אויש האבן ביידע געשריבן תשובות להלכה צו אסר'ן די פראצעדור. ר' זושא איז שטארק פארמישט אין אנפירן די מערכה מצד האוסרים, אבער מער וועגן דעם באלד.

צו זיי האט זיך אויך מצרף געווען רבי אברהם הערש וואזנער, אב"ד קהילת סאטמאר מהר"א מאנסי, און אייניקל פון רבי שמואל וואזנער ז"ל בעל שבט הלוי, וואס ער איז אויך פון די רבנים אויפ'ן וועד פון בוני עולם[9].

נאך איינער פון די שטארק אקטיווע אוסרים איז רבי יצחק שטיין פון בי"ד אבני שיש ד'פאלטישאן אין בארא פארק, וועלכער שרייבט בשם זיין רבי'ן, ר' יחזקאל רוטה ז"ל פון קארלסבורג ב"פ וועלכער איז געווען באוואוסט מיט זיין כוח דהיתרא, אז ער האט שטרענג פארבאטן השתלת שחלות[10]. ר' יחזקאל'ס זון, ר' משה, פסק'נט אויך לאיסור. צו דער גרופע אוסרים האט זיך אויך צוגעשטעלט א יונגער ענערגישער מורה צדק פון קהילת סאטמאר מהר"א אין קרית יואל, רבי יואל

הצלה אין בארא פארק, אבער ער האט זיך אפגעזאגט דערפון נאך וואס עס האט אים איבערגעשטרענגט.

6) הרב שפרן האט גע'שמ'ט אין דער חסיד'ישער פאליטישער גאס ווען ער האט זיך צוגעשטעלט צו ר' שאול אלתר בשעת דער מחלוקת מיט גור. מער איבער דעם איז געווען באשריבן אין דעם "וועקער" נומער 19 "וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל וַאֲנָשָׁיו".

7) פון רבי זושא איז שוין דא א תשובה לאיסור אין זיין ספר מאזני הלכה, געדרוקט אין שבט תשפ"ד, בערך א יאר בעפאר די אלגעמיינע גאס האט אנגעהויבן קאכן איבער דעם נושא.

8) הגם רבי חיים אהרן אונגאר שרייבט אין זיין אויבנדערמאנטן בריוו צו רבי מענדל זילבער אז ר' הערשל אויש זאל אים האבן געזאגט, אז לויט וואו מען איז געשטאנען דעמאלט, וועט ער בצירוף אנדערע רבנים אויך מתיר זיין. ענליך צו דעם האט ער אויך געשריבן אין א בריוו צו ר' משה שטערנבוך.

9) ר' אברהם הערש וואזנער האט נאך אין די תש"נ יארן געארבעט מפרסם צו זיין דעם חומר האיסור פון תרומת ביצית; דעמאלט איז דאס געווען א צוזאמענארבעט מיט ר' בנימין לאנדא.

10) עס איז ווערד אנצומערקן אז ר' יצחק שטיין איז געווען פון די גרויסע אנדרייער ביי דער מערכה קעגן איי-ווי-עף וואס הרב חיים לייב כ"ץ אב"ד סערדאהעלי האט געפירט מיט בערך פופצן יאר צוריק.

גוטמאן, וועלכער האט אויך א שטעלע ביי בוני עולם. ער האט געשריבן אן אכצן-בלעטערדיגע תשובה אין וועלכער ער פרעגט אפ רבי חיים אהרנ'ס פריער-דערמאנטע תשובה מתיר צו זיין.

די אלע זענען מער-וויניגער געווען די ערשטע אויפ'ן שיפל; דער צד האוסרים און דער צד המתירים וועלן נאך וואקסן אין די וואכן און חדשים אריין אין דעם פולמוס.

## די ארגאניזאציעס

דער שמועס אין דער גאס איז תיכף געווען אז דא הערשט א פונדאמענטאלע חילוקי דעות צווישן די צוויי היימישע ארגאניזאציעס וועלכע העלפן ארויס מיט פראפעסיאנעלער, פינאנציעלער, און גייסטיגער שטיצע פאר חרדי'שע פארפעלקער וועלכע מוטשען זיך מיט אינפערטיליטי' פראבלעמען. על צד האוסרים שטייען די רבנים פון דער גרעסערער "בוני עולם" ארגאניזאציע וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך ר' שלמה באכנער און ר' בנימין קלייבּנאַרט און פירט זיך ע"פ הדרכתו פון רבי נחמן יחיאל מיכל שטיינמעץ דומ"ץ סקווירא בארא פארק מחבר ספרי שו"ת משיב נבונים, ווען על צד המתירים שטייען די רבנים פון עי-טיים, וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך רבי שאול ראזען[11] און פירט זיך בהדרכת רבי חיים אהרן אונגאר.

אויף דעם רבני'שן באורד פון בוני עולם זיצן רבנים פון אלע גרויסע היימישע קהילות, סאטמאר מהר"א, סאטמאר מהרז"ל, בעלזא, באבוב, וויזשניץ, פאפא, און נאך. דאס ווייזט אז נישט נאר זענען די שאלות מיט וועלכע די ארגאניזאציעס דארפן זיך ספראווען הלכה'דיגע דילעמעס, נאר עס קומען אויך אריין דערין די אינטערעסן און מיינונגען פון חסיד'ישע רבי'ס און מנהיגים, ספעציעל די וואס זענען זיך אלס ביידע - רבי'ס און פוסקים.

## די עסקנים

אין דער מערכה זענען אויך געווארן פארמישט אסאך עסקנים און איינפלוסרייכע פערזאנען וועלכע פרובירן צו שטופן דעם וואגן אין זייער ריכטונג.

אויפ'ן סאטמארער פראנט איז דער באקאנטער נגיד אין קהילת מהרז"ל ר' יואלי לאנדא שטארק פארמישט צו שטופן להיתר. לפי השמועה איז ר' יעקב בער ט"ב, זון פון האדמו"ר מהרז"ל מסאטמאר און נאנטער פריינט מיט ר' יואלי, אויך שטארק אקטיוו אין לאביאירן ביי רבנים און דיינים מתיר צו זיין.

ר' יואלי איז אן אינטערעסאנטער פיגור, וואס אין די לעצטערע יארן הערט מען אסאך אז ער מישט זיך אין רבני'שע אנגעלעגנהייטן, און יעצט האט ער זיך אריינגעלייגט צו טרעפן רבנים וואס זאלן מתיר זיין די פראצעדור[12].


ר' יואלי לאנדא (רעכטס) מיט רבי יעקב בער טייטלבוים (אין צענטער) ביים ארויסקומען פון ציון אין ליזענסק.
(קרעדיט: @moshe_nayes)

11) ר' בנימין לאנדא איז אויך געווען אקטיוו געווען אין דער גרינדונג פון עי-טיים.
12) עס זענען געווען שמועות אז ר' יואלי, צוזאמען מיט ר' יעקב



ר' יואלי לאנדא (לינקס) מיט זיין ברודער ר' שלום (רעכטס) ביי א שמחה. ווערט געזען דער באקאנטער אונטערהאלטער וועלווו קירשנבוים ביים אונטערהאלטן דעם עולם פארשטעלט ווי א ראש ישיבה.

רבי פנחס כ"ץ, א איינגערער דיין אין קהילת סאטמאר מהרז"ל, וועלכער איז נאנט מיט דער משפחה פון הנגיד ר' יואלי לאנדא און וואוינט אייגנטליך אין זעלבן בנין, האט פובליצירט א תשובה להתיר.

פון דער אנדערער זייט האט דער שווער פון ר' זושא אויש, רבי אברהם עמרם מייזעלס דער מיהאלדי רב פון וויליאמסבורג בעמח"ס ויען אברהם (זון פון ר' נתן יוסף מייזעלס ר"י אין סאטמארער ישיבה), וועלכער האט שוין



רבי אברהם עמרם מייזעלס אב"ד מיהאלדי פורים תש"פ
(קרעדיט: @yiddishmoment)



רבי זושא אויש ביי א שמחת שבע ברכות פון זיין זון צוגעשטעלט דורך דער "רפואה העלפליין" ארגאניזאציע
(קרעדיט: JDN)

צען יאר צוריק געשריבן א לאנגע תשובה בנוגע תרומת ביציות, אויך געגעבן א מסקנא צו אסר'ן השתלת שחלות[13]. דאס זעלבע מיט ר' ישראל דוד הארפענעס אב"ד ישראל והזמנים, וואס ר' יואלי איז פון זיינע גרויסע שטיצער, וועלכער האט אויך אונטערגעשריבן דעם קול קורא צו אסר'ן, הגם לעצטנס איז דא פון אים א בריוו אז ער איז ציט צוריק און יעדער וואס דארף עס זאל אנפרעגן

בער, האט געלייגט דרוק אויף בוני עולם און אויף ר' זושא אויש - א דיין אין קהילת סאטמאר מהרז"ל - נישט ארויסצוגעבן אן איסור. אלנפאלס, ר' זושא און בוני עולם האבן למעשה זיך געהאלטן ביי זייערס.

13) זיין תשובה וועגן השתלת שחלות וואס איז יעצט פארשפרייט געווארן איז טאקע די דאזיגע אלטע תשובה בנוגע תרומת ביציות, ער האט נאר צוגעלייגט יעצט אביסל וועגן תרומת שחלות.

פריוואט א מורה הוראה וועלכער איז באהאוונט אין די ענינים.

אינטערעסאנט אז הרב שלום לאנדא, ברודער פון ר' יואלי לאנדא, לאזט זיך אויך הערן אז די פראצעדור איז אסור, הגם קיין תשובה איז נישטא פון אים[14].

עס זענען פארהאן נאך וואס זענען פארמישט אין שתדלע'ן ביי רבנים מתיר צו זיין, צווישן זיי ר' בעריש לאבין, זון פון באלחובער רב אין וויליאמסבורג, און אויך באקאנטע און משפחה מיטגלידער פון פארפעלקער וואס דארפן צוקומען צו די באהאנדלונגען.

אויפ'ן צד האוסרים איז ר' חיים מאיר כהנא פון מאנסי געווען אקטיוו צוזאמצושטעלן די חתימות פאר'ן קול קורא לאיסור. אזוי אויך זענען די קינדער און משפחה פון די רבנים האוסרים פארמישט אין שטופן דעם איסור. אויך ר' יצחק שטערן, א באקאנטער לאנג-יעריגער סאטמארער עסקן און אנדרייער, איז אויך שטארק פארמישט פון הינטער די קוליסן לאיסור, אין קעגנזאץ צו דער שטעלונג פון אדמו"ר מהרז"ל און ביד"ץ דסאטמאר.

## אדמו"ר מהר"א מסאטמאר

טראצדעם וואס ר' יעקב בער און די אנדערע עסקנים וועלכע האבן געזוכט צו שאפן א היתר זענען נישט קיין אנהענגער פון אדמו"ר מהר"א מסאטמאר (קרית יואל), האט זיך אויסגעשטעלט אז מהר"א האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זיין פלימעניק אין דעם הינזיכט.

ערגעץ ניסן צייט האט ר' מענדל זילבער באזוכט ביי מהר"א און זיך גוט אויסגע'טענה'ט מיט אים[15], אבער אן ערפאלג. לפי השמועה האט



ר' בנימין לאנדא ביי אדמו"ר מסאטמאר מהר"א פארגאנגענעם ב' ניסן. (קרעדיט: @Satmara_Niyes)

מהר"א אויך ספעציעל אפגעשטאט א באזוך ביי רבי יוסף ישראל אייזנבערגער כדי צו הערן פון יענעמ'ס מויל דריי מעשה רב'ס להתיר[16]. אין דער גאס האט מען געשמועסט אז רבי אהרן האט אפגעשריבן א לענגערן בירור הלכה אויף וואס זיין היתר איז געבויט, אבער דער געשריבענער היתר ווערט געהאלטן געווארן הינטער שלאס און ריגל.

מען האט געשמועסט אז רבי אהרן האט איבערגעגעבן זיין תשובה פאר רבי מענדל אין דער האנט אריין, זאגנדיג דערביי: "איר קענט שרייבן פארקערט, איך וועל נישט ברוגז זיין". ר' מענדל האט אויף דעם געענטפערט אז ער וועט צוריקשרייבן נאך פסח. דאס האט געלייגט א פלאקן אין וועג פאר רבי געציל וועלכער האט בעפארצוגט צוווארטן ביז נאך ער זעט רבי מענדל'ס תשובה. רבי הערשל אויש האט אויך אומגעדולדיג געווארט אויף רבי מענדל'ס תשובה בעפאר ער גיבט ארויס זיין אייגענעם בירור.

14) ר' שלום איז היינט א דיין און ראש ישיבה, און לעצטנס איז ער אויך אקטיוו אויף אינסטעגראם מיט קורצע משפיע-ווידעאס. ער איז געווען שטארק אקטיוו אין דער סאטמארער מחלוקת אין די תש"ס יארן אויף דער זייט פון אדמו"ר מהר"א.

15) מען זאגט אז רבי אהרן האט געענטפערט רבי מענדל: "פאר אייך איז די שאלה נישט נוגע, אבער מיר זענען שוין עטליכע יונגעלייט געקומען פרעגן".

16) מער איבער דעם עדות פון רבי יוסף ישראל אין זייטיג קעסטל.

## דאס השתלשלות הענינים

דאס אלעס האט זיך אפגעשפילט אין גאר א קורצער תקופה, ממש אפאר וואכן ארום פורים צייט. ווי די טעג האבן זיך געריקט און עס איז שוין געקומען נענטער צו פסח, האבן די רבנים און דיינים המעורבים, בעיקר די מתירים פון קהילת מהרז"ל, געוואלט זיך צוזאמענזעצן און זען צי מ'קען ארויסקומען מיט א פאראייניגטן פסק-הלכה.

נאטירליך וואלט די ערשטע אפציע געווען די אפיסעס פון התאחדות הרבנים, אבער היות רבי מענדל זילבער דינט דארט אלס ראש הבי"ד איז דאס ניטאמאל געקומען אין באטראכט. האט מען זיך קודם באגנוגנט מיט'ן מאכן א קליינע אסיפה אין הויז פון אדמו"ר מהרז"ל מסאטמאר, אין דער אנוועזנהייט פון די סאטמארער דיינים און רבי בנימין לאנדא.

די אסיפה איז פארגעקומען אין אוונט פון ד' ניסן. נאך דער אסיפה האבן אלצווייסער געוואוסט צו פארציילן אז ס'איז געבליבן אז מ'וועט עס פריוואט מתיר זיין, אבער מ'וועט נישט ארויסקומען אפיציעל מיט א צעטל אזוי לאנג ווי די עדה החרדית קומט נישט ארויס מיט אן איסור ברבים.

עס איז וויכטיג צוצוצייכענען אז נישט אלע דיינים פון סאטמאר מהרז"ל זענען איינשטימיג מיט'ן היתר; רבי משה זאב זארגער, דיין אין קהילת סאטמאר ירושלים מהרז"ל, און ר' חיים דוד כ"ץ, דיין פון קהילת סאטמאר מהרז"ל אין בארא פארק, האבן זיך ביידע שפעטער צוגעשטעלט צו די אוסרים.[17]

בערך א וואך דערנאך, הארט פאר פסח, איז פארגעקומען אן אסיפה צווישן אדמו"ר מהר"א און ר' זושא אויש, אבער אן קיין פארשריט, ביידע צדדים האלטן זיך ביי זייערס.

עס איז אריבער פסח און ר' מענדל זילבער איז ענדליך ארויסגעקומען מיט זיין תשובה, דאטירט ראש חודש אייר. אין דער ניין-זייטיגער תשובה דריקט ער זיך אויס אז ער האפט אז די מתירים וועלן אלע צוריקציען. עטליכע טעג דערויף, זונטאג ו' אייר, איז ערשינען אן אנאנימען ענטפער אויף דער תשובה, אונטערגעשריבן דורך "זעירא דמן חבריא".[18] אויף דעם בריוו האט נישט געשפעטיגט ארויסצוקומען א תשובה אפצושלאגן די קריטיק אויף ר' מענדל.

גייט נישט דורך צוויי טעג, דינסטאג ח' אייר, און עס קומט ארויס דער ערשטער עפנטליכער קול קורא אדרעסירט צום עולם. אין דעם צעטל האבן נאך זיבן רבנים זיך צוגעשטעלט צו ר' מענדל זילבער, ר' הערשל אויש און ר' יצחק שטיין לאיסור. די זענען: סערדאהעלי רב פון וויליאמסבורג רבי הלל וויינבערגער, גאלאנטער רב פון וויליאמסבורג רבי יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין, דער רב פון ביהמ"ד מגד יהודה אין וויליאמסבורג רבי יהודה משולם דוב פאלאטשעק, סענדזשארדזשער רב פון וויליאמסבורג רבי עזריאל מאיר קאהן, מאנטרעאלער רב רבי יהונתן בנימין ווייס, רבי משה קעסלער א דיין אין וויזניץ מאנסי, און קליינווארדיינער רב רבי יוסף מנחם דייטש. שפעטער - אין חודש תמוז - וועט ווידער נתפרסם ווערן דער זעלבער ק"ק מיט נאך 15 רבנים ודיינים צוגעלייגט.[19]

## סענדזשארדזשער רב

מיט רבי עזריאל מאיר'ס חתימה איז געווארן א

17) דאס אז סאטמארער דיינים טרעטן ארויס בריש גלי קעגן זייערע אייגענע רבי'ס איז נישט אזא זעלטענע ערשיינונג, ווי מ'האט שוין געזען ביי אנדערע מערכות אין דער פארגאנגענהייט.

18) עס זענען דא וואס זאגן אז דער ענטפער איז געשריבן געווארן דורך רבי שלמה שבתי קעסטענבוים.

19) פאלגנד איז א ליסטע - מיט די טיטלען - לויט ווי זיי ערשיינען אויפ'ן קול קורא: עזריאל מאיר קאהן אבד"ק סענשארע (פריש



# דעת תורה ואזהרה

## מזקני וגדולי הרבנים פוסקי הדור שליט"א

הננו בזה על מה שנשתרבב אופני תחבולות ודרכי טיפול ברפואה לזוגות המצפים להפקד בזש"ק, ויש כמה טיפולים שכרוכים בשאלות חמורות מאוד, ויש להזהר שלא להקל ראש בהם, שנוגע לקדושת הדורות וקדושת יחוסן של ישראל. ובעת מצאנו לחובה להודיע ולגלות חוות דעתינו דעת תורה בדברים שכבר הורו בהם זקני גדולי הדור הקודם, ובראשם הגאון המפורסם מרן בעל שבט הלוי זצ"ל, שעסק הרבה לברר דבר זה, והיתה הוראתם בהירה וברורה, מתוך בבירורית המציאות וההלכה:

שאיסור חמור לעשות פעולות של הזרקת זרע זר, או השתלת ביצית (Egg Donor), או פונדקאות (Surrogate) או "השתלת שלל של ביצים" (Ovarian Transplant), [הן אם בא מישראל/ית או מנכרי/ת הן מפנויה הן מנשואה], והוא מעשה איסור ותועבה עפ"י התורה וההלכה ומנוגד לקדושת התורה וטהרת יחוס עם ישראל, ויש ספק גדול ביחוס הוולדות.

ומחובת השעה מצינו נחוץ להדגיש לגבי ענין "השתלת שלל של ביצים" (Ovarian Transplant), שמה שידוע בזה כהיום, כבר הי' ידוע לגדולי זקני הוראה בדור הקודם, הן המו"מ בהלכה והן פרטי המציאות, ונקטו בזה לאיסור, וההוראה בזה שריר וקיים, והחס על דורותיו, ירחק מטיפולים כאלה כמטחוי קשת.

ולא נשאר לנו אלא ללכת בעקבי הצאן, שלא לזוז מדרכי רבותינו גדולי הדור ועמודי ההוראה מדור הקבר ז"ל אשר מפיהם אנו חיים, ובפרט בענינים חמורים כאלו אשר ההוראות המקובל אצלינו בטיפולי הזוגות נקבעו בהכרעת והסכמת דעת תורתם הברורה, ואף בזה תלוי קיום התורה ועתיד הדורות, לבלי לשנות מדרכיהם ימין או שמאל, וכל ההולך בדרכיהם ישכון בטח.

ובזכות חיזוק קיום התורה בדרך ישראל סבא נזכה לדורות ישרים ומבורכים, זרע ברך ה', והשי"ת יקבל תפלותינו להפקד בתוך התזו"ק בדבר ישועה ורחמים ולראות בישועתן של ישראל בב"א.

וע"ז באעה"ח בחודש אייר שנת תשפ"ה לפ"ק

| | | | |
|---|---|---|---|
| מנחם זכרי' זילבער<br>אבד"ק פריימאן | יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין<br>אבד"ק נאלאגמא יצ"ו | הלל וויינבערגער<br>אבד"ק סקודאהעלי | יהודה משולם דוב פאלאטשעק<br>אבד"ק מגד יהודה |
| יהונתן בנימין ווייס<br>אב"ד מאנטריאל | יצחק שטיין<br>נאב"ד פאלטישאן | צבי אויש<br>אבד"ק וואלקאן | משה קעסלער<br>ראה"כ ומו"ץ ווינץ מאנסי |
| | | | יוסף מנחם דייטש<br>אבד"ק קליינווארדיין |

### קול קורא מרבנים ודיינים גדולי ההוראה שליט"א המצטרפים לפסק הלכה הנ"ל באיסור החמור של השתלת שחלות

גם אנו מצטרפים לאיסור הנ"ל שלא לפגוע חלילה באיסור ערוה החמורה ח"ו, כי אין בכל הבירורים שנכתבו בזה מקום להתיר שאלה זו שהיא מן החמורות שבחמורות.

ובעה"ח למען טהרתן וקדושתן ויחוסן של ישראל, בחודש תמוז שנת תשפ"ה לפ"ק

| | | | |
|---|---|---|---|
| עוזיאל מאיר קאהן<br>אבד"ק סקווארען | חיים דוד כ"ץ<br>חבר הבד"צ דקיט"ל דסאטמאר ודומ"ץ קיט"ל ב"פ | ישראל דוד הארפענעס<br>אבד"ק ישראל והזמנים | חיים קלמן גוטמאן<br>דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר סאוט 8 |
| מאיר יודא טענענבוים<br>אבד"ק טשאטה ק"י | אברהם עמרם מייזעלס<br>אבד"ק מיהאלדי | יחזקאל שרגא טייטלבוים<br>דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר קליימער סט. | יהושע לערנער<br>דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר מאנטריאל |
| אר' צבי טויב<br>אבד"ק בעהוש ק"י ומראשי הכולל סאטמאר ומו"ס | שמואל שמעלקא קליין<br>אבד"ק סעליש ומו"ס | משה בער קויפמאן<br>דומ"ץ וראה"כ דרך החיים ק"י | חיים קלמן קליין<br>אבד"ק סעליש ק"י |
| משולם זושא אויש<br>דומ"ץ לעניני רפואה בקיט"ל סאטמאר | נפתלי דייטש<br>דומ"ץ בקרית יואל | יואל זוסמאן ראזענצווייג<br>דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר בלומענבורג | יצחק אייזיק ראטה<br>אבד"ק בית יחזקאל מאנסי |

**דער צווייטער קול קורא לאיסור מיט די פרישע חתימות אין מיט דער צוריקגעשטעלטער חתימה פון ר' עוזיאל מאיר קאהן**

גאנצע מאדנע שערורייה פאר זיך, מיט א הכחשה און קלארשטעלונגען. עס האט זיך אנגעהויבן א טאג נאכ'ן קול קורא, ווען עס איז ארויסגעקומען א האנט-געשריבענער בריוו אין וועלכן ער שרייבט אז זיין חתימה אויפ'ן נעכטיגן קול קורא איז געווען "שלא ברשותי". ער שרייבט: "איך זאג נישט אין דעם [נושא] נישט לאיסור און נישט להיתר אויפ'ן מאמענט".

א טאג שפעטער, אין א בריוו דאטירט ד' אחרי-קדושים (ט' אייר), שטעלט ער קלאר אז אין אנפאנג האט ער יא אונטערגעשריבן נאר ער האט אויפ'ן טעלעפאן פאראדרנט אז מען זאל נישט דרוקן זיין אונטערשריפט, אבער מען האט אים פשוט איגנארירט אדער איז דער באפעל נישט אנגעקומען אין צייט.

דאס איז פארוואנדלט געווארן אין א מאדנעם אויסטויש פון באשולדיגונגען, ווען ר' עזריאל מאיר'ס קינדער האבן אפגעדרוקט א צעטל, אינעם זעלבן טאג, מסביר צו זיין פאר'ן ציבור אז דא זענען געווען אריינגעמישט אמווייניגסטנס נאך דריי מענטשן, און אין דעם כאאס איז דער פארלאנג פון זייער טאטע פארלוירן געגאנגען אין קאמוניקאציע.

לויט די קינדער, האט איינער ר' יעקב יוסף ווייס איבערגעגעבן דעם פארלאנג פון זייער טאטן אראפצונעמען זיין חתימה פאר ר' חיים מאיר כהנא פון מאנסי, אבער שפעטער האט ר' חיים מאיר גערעדט מיט ר' יצחק שטיין און פארשטאנען פון אים אז ר' עזריאל מאיר לאזט שוין צוריקלייגן די חתימה. למעשה טענה'ט רבי יצחק -

אונטערגעשריבן), חיים דוד כ"ץ חבר הבד"צ דקיט"ל דסאטמאר ודומ"ץ קיט"ל ב"פ, ישראל דוד הארפענעס אבד"ק ישראל והזמנים, חיים קלמן גוטמאן דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר סאוט 8, מאיר יודא טענענבוים אבד"ק טשאטה ק"י, אברהם עמרם מייזעלס אבד"ק מיהאלדי, יחזקאל שרגא טייטלבוים דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר קליימער סט., יהושע לערנער דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר מאנטריאל, אר' צבי טויב אבד"ק בעהוש ק"י ומראשי הכולל דסאטמאר ומו"ס, שמואל שמעלקא קליין אבד"ק סעליש ומו"ס, משה בער קויפמאן דומ"ץ וראה"כ בדרך החיים ק"י, חיים קלמן קליין אבד"ק סעליש ק"י, משולם זושא אויש דומ"ץ לעניני רפואה בקיט"ל סאטמאר, נפתלי דייטש דומ"ץ בקרית יואל, יואל זוסמאן ראזענצווייג דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר בלומענבורג, יצחק אייזיק ראטה אבד"ק בית יחזקאל מאנסי.

לויט דעם צעטל - אז ער האט דאס קיינמאל נישט געזאגט און ס'איז געווען א מיספארשטענדעניש.

נאך דער גאנצער סומאטאכע - וואס האט געמאכט א שטיקל ליצנות פון רבי עזריאל מאיר'ס חתימה - איז בערך א חודש שפעטער, הארט בעפאר שבועות, ארויס א תשובה פון איס לאיסור. ווי אויך האט ער צוריקגעשטעלט זיין חתימה אויפ'ן נייעם קול קורא, צוזאמען מיט די פרישע פופצן חותמים.

אין יענער צייט זענען אויך ארויסגערונען מער דעטאלן וועגן רבי אהרנ'ס פארבארגענער תשובה, ווי צב"ש די נומער פון עמודים און אז רבי געציל בערקאוויטש און רבי שבתי קעסטענבוים האבן געהאט א חלק אין אויסארבעטן די תשובה. אפיציעל איז טאקע רבי געציל, אויסער א צעטל אז ער איז מסכים מיט רבי אהרנ'ס תשובה, קיינמאל נישט ארויסגעקומען מיט אן אייגענער תשובה.

די אוסרים האבן אויך געארבעט פיבערהאפטיג, און די חברי הביד"ץ פון התאחדות הרבנים האבן זיך געגרייט אפיציעל ארויסצושטעלן א צעטל מטעמם לאיסור, אבער הרב אהרן מאיר לאבין, באלחובער רב פון ווילیאמסבורג, האט זיך ארייגעלייגט צו בלאקירן דעם שריט.[20]

## רבני ארץ ישראל

דא האט זיך ארויסגעשיילט אן אינטערעסאנטער קאנטראסט, ווי עס האט זיך פארמירט א שטיקל ליניע צווישן די רבנים פון אמעריקע און די פון ארץ ישראל לגבי זייערע מיינונגען אין דער שאלה; אין דער צייט וואס רוב אמעריקאנער רבנים און דיינים האבן נוטה געווען להיתר, האבן די ארץ ישראל'דיגע דיינים פון דער עדה החרדית, ווי רבי אברהם יצחק אולמאן[21], רבי יהודה פישר און רבי שמואל בראנסדארפער, זיך צוגעשטעלט צו רבי מענדל'ס איסור.

י"ג אייר האבן זיך די רבנים פון דער עדה החרדית צוזאמענגעזעצט מיט דער באטייליגונג פון רבי אברהם יצחק אולמאן, ר' יעקב מנחם מנדל יאראוויטש, ר' יהושע ראזענבערגער, און רבי יהודה פישר. דורכאויס דער אסיפה האט זיך ר' געציל פון קרית יואל צו זיי געווענדן, בשליחות פון אדמו"ר מהר"א, אז זיי זאלן זען זיך אפצוהאלטן פון דן זיין צי די געבוירענע קינדער זענען מעגליך ממזרים, ווייל אזוי ווייט האט הרב וואזנער ז"ל זיכער נישט געהאלטן. ער איז מוסיף אז ר' אהרן האט עס שוין מתיר געווען און מ'טוט עס שוין למעשה.

כ"ח אייר איז ר' שמואל אליעזר שטערן געקומען באזוכן ניו יארק און ביידע זייטן האבן פארארבעט כוחות אים אריבערצוגעווינען אויף זייער זייט. מצד אחד ר' בנימין לאנדא און ר' חיים אהרן אונגאר, נישט מיט קיין סאך הצלחה[22], און מצד שני ר' יצחק שטיין און דאסמאל שוין מיט א שותף, דער דעברעצינער רב, רבי שלמה צבי שטערן.

איינער רבי חיים רוטר, א דיין אין אלעד און מחבר ספרי שו"ת שערי חיים, האט אויך געשריבן א תשובה אדרעסירט צו ר' בנימין לאנדא מיט טענות אויף זיין שטאנד מתיר צו זיין. אויך הרב משה זאב זארגער, דיין אין קהילת סאטמאר ירושלים מהרז"ל, האט אפגעשריבן א שארפן בריוו לאיסור. אביסל שפעטער איז ערשינען א

20) אנגעבליך האט ער גע'טענה'ט אז ער האט מיטגעהאלטן ווי ר' מענדל האט גע'פסק'נט די שאלה, און לדעתו איז דאס געווען געקאפטע מעשיות, אן דורכטון דעם ענין ביישוב הדעת.

21) הגם אויף הרב אולמאן איז נישט קיין חידוש, ער האט אפילו איי-ווי-עף אויך גע'אסר'ט.

22) ערגעצוואו ניסן צייט איז פארשפרייט געווארן א האנט-געשריבענעם מכתב פון רבי שמואל אליעזר, מיט אן עדות בשם רבו רבי שמואל וואזנער. מער איבער דעם זע אין באזונדער קעסטל איבער דעת הרב וואזנער.

בריוו פון רבי משה שאול קליין, רב שכונת אור החיים און ראב"ד ביד"ץ ויזניץ בני ברק, אין דעם זעלבן טאן פון הרב זארגער. ר' משה שאול גייט גראד צום פינטל און באטראכט די פראקטישע קאנסעקוועזנצן ווי ממזרות, פסולין, חלוצה, אויסשליסן פון קהילות אא"וו.

אפילו אויף ר' יהושע ראזענבערגער, גאב"ד קרית רמ"א און חבר הביד"ץ פון עדה החרדית און מחותן פון האדמו"ר מהרז"ל, פון וועמען ס'איז פארשפרייט געווארן אז ער איז מתיר, האבן מאנכע נאכגעזאגט אז ער וואקלט זיך הין-און-צוריק און האט שוין עטליכע מאל געוואלט ארויסקומען ברבים לאיסור. פון דעם אויבנדערמאנטן ר' חיים רוטער איז דא א בריוו וואו ער שרייבט אז הרב ראזענבערגער האט אים פערזענליך געזאגט אז ער האט שוין צוריקגעצויגן פון דעם היתר וואס מען האט פארשפרייט אין זיין נאמען.[23]



ר' יהושע ראזענבערגער גאב"ד קרית רמ"א בית שמש וחבר ביד"ץ העדה החרדית מיט זיין מחותן אדמו"ר מסאטמאר מהרז"ל (קרעדיט ahblicklive.com)

## רבי נתן קופשיץ

נאך א קאנטראווערסיע האט זיך געטון ארום דער מיינונג פון רבי נתן קופשיץ פון בית שמש, דיין אין דער עדה החרדית און אייניקל פון ר' יוסף חיים זאנענפעלד.

די מתירים האבן פארשפרייט אז זיי האבן פון אים א בריוו מתיר צו זיין און אז ר' משה שטערנבוך האט צוגעשריבן אז הרב קופשיץ איז א בר-סמכא אויף וועמען מ'קען זיך פארלאזן. די מתירים שווערן זיך אז זיי האבן אפילו אויף ווידעא ווי הרב קופשיץ שרייבט אונטער דעם היתר, נאר ער האט זיך אפגעבריט ביי דער קברים פרשה אין תשע"ב, דערפאר וויל ער נישט אז זיין היתר זאל מפורסם ווערן ברבים.

פון דער אנדערער זייט האט חיים שאולזאהן געפאוסט אויף זיין בלאג א קורצן נאטיץ פון איינעם יעקב לוס, בשם הרב קופשיץ, אין וועלכן ער לייקנט אז ער זאל אמאל האבן געגעבן זיין חתימה להיתר. און בכלל טענה'ן די אוסרים אז זיי האבן גאר א פארקערטע רעקארדירונג פון אים.

די מתירים שרייען אבער חי וקיים אז זיי ווייסן בברירות אז הרב קופשיץ האט קלאר מתיר געווען פריוואט פאר אמוויינינגסטנס דריי יחידים, און אז



רבי נתן קופשיץ

23) הגם פון זיין זון אין אנטווערפן זאגט מען נאך פארקערט, אז ער האט שוין צוריקגעצויגן פון דעם איסור וואס הרב רוטער זאגט נאך אין זיין נאמען.

זיין איידעם און רעכטע האנט זאגט קלאר אז ער ווייסט ניטאמאל ווער דער לוס פארשוין איז.

א טאג נאך שבועות, ח' סיון, איז ארויס א בריוו לאיסור פון דעם מנהיג פון דעם "פלג הירושלמי" הרב עזריאל אויערבאך[24], זון פון רבי שלמה זלמן אויערבאך ז"ל און רב פון קהילת חניכי הישיבות, און אונטן פונעם בריוו ערשיינט אויך הרב קופשיצ'ס חתימה, ווי קלארצושטעלן זיין שטאנד אויף דער נושא צו אסר'ן.

## אנדערע פיגורן

ווי ביי יעדער רבני'שער קאנטראווערסיע אין דער חרדי'שער וועלט, האבן זיך אויך דא געיאוועט אינטערעסאנטע פיגורן וועלכע ווערן נישט גענומען גאר ערנסט אבער גיבן צו לעבהאפט צו דער גאנצער שערורייה.

צווישן זיי געפינט זיך ר' יאנקעלע כהן, א באוואוסטער ראדיקאלער קנאי וועלכער פירט אן דעם "חומת הדת" האטליין, וואס ער האט זיך גענומען צו דער מערכה מיט א חיות און אקטיוויזירט זיינע מיטלען אנטקעגן די מתירים.

אויך ר' דוד ראזענבערג, פון דער סאטמארער מצה-בעקעריי, איז עוסק אין ברענגען אויפמערקזאמקייט און צוזאמקלייבן חתימות פון רבנים און דיינים לאיסור. פון ר' מאיר יודא טעננבוים, אב"ד טשאטה פון קרית יואל, איז דא א בריוו אדרעסירט צו ר' דוד וואו ער שטיצט זיינע פעולות קעגן השתלת שחלות[25].

## אסיפת המתירים

ענדליך ט"ז סיון האבן זיך די רבנים ודיינים המתירים, ארום פערציג פון זיי, צוזאמענגעזעצט אין בארא פארק; נישט זיך דורכצושמועסן מיט'ן צד האוסרים, נאר כדי צו הערן דעם פסק דין פון רבי בנימין לאנדא.

בנוסף צו די אויבנדערמאנטע מתירים, זענען אויך אנוועזנד געווען רעספעקטירטע רבנים און דיינים פון מערערע גרויסע קהילות אין ניו יארק, ווי באבוב 45, פאפא, סקווירא, וויזשניץ, קלויזענבורג, בעלזא, און נאך. אויך זענען אנוועזנד געווען מערערע אומאפהענגיגע רבנים און פארשטייט זיך דיינים פון ביידע סאטמארער קהילות[26].

מען האט דארט פארשפראכן אז א תשובה פון הרב לאנדא להיתר וועט נאכקומען. ביז דאן איז בלויז געווען פון אים א קורצער בריוו, דאטירט כ"ה שבט, וואו ער זאגט אז "מאהבת הקיצור" וויל ער נישט ארייגיין אין דעם משא ומתן של

24) ר' עזריאל זעלבסט איז א חשוך בנים ל"ע.

25) אויך דער איידעם פון טשאטה רב, ר' יעקב שמשון טייטלבוים אדמו"ר משפיטיווקא, א באקאנטע פערזענליכקייט וואס מאכט פרייליך מענטשן מיט זיינע קוריאזע קליפס אויף סאציאלע מידיע, האט ארויסגעשטעלט א ווידעא אז ער האלט אינמיטן שרייבן א תשובה לאיסור, אבער דערווייל ווייזט ער נאר דעם שער-בלאט...

26) די פאלגנדע ליסטע פון באטייליגטע איז פארשפרייט געווארן נאך דער אסיפה: רבי בנימין זאב לאנדא שליט"א, דומ"ץ טאהש; הגה"צ אבד"ק סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א, בשליחות אביו כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א; הגאוה"צ חברי ביד"צ דקהל יטב לב סאטמאר שליט"א בשליחות רבם כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א; הגה"צ רבי מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא, בשליחות אביו כ"ק מרן אדמו"ר מפאפא שליט"א; הגה"צ רבי יהושע רובין שליט"א, אבד"ק באבוב 45; הגאון רבי אברהם חיים שטיינווארצל שליט"א, אבד"ק מטה אפרים ור"י שערי יושר; הגאון רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט"א דומ"ץ סאטמאר 15; הגאון רבי אלעזר ניסן שטראלי שליט"א, דומ"ץ סאטמאר דבר"י ב"פ; הגה"צ רבי ארי' ראזענפעלד שליט"א דומ"ץ סאטמאר קרית יואל קהל ויואל משה; הגאון רבי ארי' לייבוש פריעדמאן שליט"א דומ"ץ סאטמאר וויליאמסבורג; הגאון רבי אברהם מאיר האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ סאטמאר 18; הגאון רבי בנימין זאב פליישער שליט"א דומ"ץ וויזניץ ב"פ; הגאון רבי בערל אייניהארן שליט"א דומ"ץ סקווירא 12; הגאון רבי דוד לייב פישער שליט"א, דומ"ץ פאפא; הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א, אבד"ק מכלל יופי וחבר הביד"צ דסאטמאר; הגה"צ רבי חיים אלעזר פריעדמאן שליט"א אבד"ק טענקא; הגאון רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א, דומ"ץ סאטמאר סאוט אכט; הגאון רבי חיים יחזקאל בערקאוויטש שליט"א,

הלכה, אבער זייענדיג זיך סומך אויף די פריערדיגע פסק'נט ער להיתר[27].

מען האט דארט אויך פארטיילט א לענגערן בירור המציאות פונעם הרב חקרן שלום שרגא


והיה כעץ שתול

קונטרס

והיה כעץ שתול

אשר פריו יתן "בעתו"

ובו מבואר בעזרת השם כשמלה
מציאות הדברים • דבר דבר על אופניו בקורות הדורות
מספרי שו"ת וקובצים • כתבי ידות •
וכתבי עת לדורותיהם ודעת תורה אמיתית מגדולי עולם

הגאון בעל אבן יקרה; הגאון בעל מעשי למלך;
הגאון בעל פרי השדה; בעל אמרי יושר;
הגאון בעל מור ואהלות; הגאון בעל מחזה אברהם;
הגאון בעל צפנת פענח הרוגוטשבער; הגאון הרב"ז ;
ועוד רבנים גדולים וחשובים זיעוכי"א

מאתי:
בי"ת נתיבו"ת
אחיעזר בן עמישדי – למטה בן-נר
חודש אב תשפ"ה לפ"ק

כבעץ שתול | ג

דער שער-בלאט פונעם קונטרס "והיה כעץ שתול" ארויסגעקומען סוף זומער

פייש פאפלאנאש, וואס איז ווארשיינליך א פריע ווערסיע פונעם קונטרס מיט'ן נאמען "והיה כעץ שתול" וועלכער איז פארשפרייט געווארן סוף זומער אונטער עטליכע פען-נעמען. דער קונטרס איז דער ערשטער פון אזא קאליבער, מיט גאר קלארע גראפיקס און הסברה אויף דעם מציאות הדברים און דער הלכה'דיגער באהאנדלונג ארום דעם.

אינמיטן דער אסיפה האט אדמו"ר מהר"א ארייַנגערופן זיין זון רבי מענדל אז ער וויל רעדן, און אזוי ארום האט רבי אהרן אומפלאנירט געזעדט ביי דער אסיפה דורך א הוקאָפּ. צווישן אנדערע האט ער געזאגט אז "די וואס דארפן צוקומען דערצו, זאלן זיך באניצן מיט'ן היתר אן קיין שום הארע קלאפעניש". די דרשה פון מהר"א איז א טאג שפעטער פארשפרייט געווארן געדרוקט אין אידיש.

## אסיפת האוסרים

כ"ג סיון, א וואך נאך דער אסיפה פון די מתירים, איז פארגעקומען אן אסיפה אינעם זאל פון אנשי ספרד אין בארא פארק דורך די אוסרים, ביי וועלכער עס האבן אנטייל גענומען בערך אכציג רבנים און דיינים, אריינגערעכנט כמעט אלע פריערדערמאנטע אוסרים פון ניו יארק און נאך אסאך פרישע נעמען[28]. אינטערעסאנט איז

בשליחות אביו הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל אגלי דבש; הגאון הגדול רבי יעקב מיללער שליט"א אבד"ק אייזנשטאט; הגאון הגדול רבי יצחק ביסטריצקי שליט"א דומ"ץ באיאן; הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא ב"פ; הגה"צ רבי יצחק הערשקאוויטש שליט"א, אב"ד האליין ודומ"ץ צאנז קלויזענבורג; הגאון רבי ישראל ראזענבערג שליט"א דומ"ץ וויזניץ וויליאמסבורג; הגאון רבי יעקב ברוך לעדערייך שליט"א אבד"ק סטאלין ב"פ; הגה"צ רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א אבד"ק ברכת אברהם וראה"כ ספינקא ב"פ; הגאון הגדול רבי יוסף ישראל אייזענבערגער שליט"א דומ"ץ שיכון סקווירא; הגאון הגדול רבי משה פאגעל שליט"א אבד"ק פני מנחם; הגאון רבי מאיר יוסף רובין שליט"א דומ"ץ ראחמיסטריווקא; הגאון רבי פנחס כ"ץ שליט"א דומ"ץ סאטמאר גערי; הגה"צ רבי צבי היילפרין שליט"א דומ"ץ וויען ב"פ; הגה"צ רבי שלמה לייב וויינבערגער שליט"א, אבד"ק פאיע וחבר הביד"ץ ד'סאטמאר; הגאון רבי שמעון כ"ץ שליט"א דומ"ץ סאטמאר מאנסי; הגאון רבי שלום פסח לאנגזאם שליט"א דומ"ץ בעלזא ב"פ; הגאון רבי שלמה שבתי קעסטענבוים שליט"א דומ"ץ סאטמאר בנין בראך.

27) אינטערעסאנט איז אז ר' נתן קופשיץ איז אויך אונטערגע'חתמ'ט דארט. אבער קען זיין אז דאס נאר ווייל הרב לאנדא שרייבט דארט אז דער היתר איז נאר פאר עמיצן וואס קומט פרעגן פריוואט, ובמקום שעת הדחק גדול.

28) די פאלגנדע ליסטע פון באטייליגטע איז פארשפרייט געווארן נאך דער אסיפה: כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א, כ"ק אדמו"ר


כוואליס

אז פון קהילת סאטמאר מהר"א איז נישט אנוועזנד געווען קיין איין רב אדער דיין, מיט'ן אויסנאם פון רבי אפרים שמעון לייכטאג, א רעספעקטירטער דיין אין קהילת סאטמאר בארא פארק - אן אינטערעסאנטע אייגנארטיגע פערזענליכקייט וואס האט זיך שוין ארויסגעשטעלט קעגן דער הנהגה אינעם עבר.

די אסיפה איז געווארן אנגעפירט דורך רבי חיים אהרן פריעדמאן, רב פון בית המדרש אמרי אברהם. צווישן אנדערע האט גערעדט דארט דער עסקן ר' אהרן שמואל יאקאבאוויטש, וועלכער איז באקאנט אלס מומחה אין דעם פעלד פון אינפערטיליטי' באהאנדלונגען[29]. די אוסרים האבן דארט בפומבי אויסגערופן אן איסור אויף השתלת שחלות, און רבי משה שאול קליין האט גערעדט פון ארץ ישראל דורך א הוקאַפּ. פון רבי נתן קופשיץ פון ארץ ישראל איז אויך געווארן אויפגעשפילט א רעקארדירונג פון וואס עס קוקט אויס ווי ער אסר'ט, אבער די רעקארדירונג איז געווען געשטיקלט און עס פעלט קאנטעקסט דערפון.

איינער פון די מערקווירדיגע מאמענטן ביי



די אסיפה פון די אוסרים אין זאל פון אנשי ספרד אין בארא פארק

דער אסיפה איז געווען ווען ר' הערשל אויש האט פארציילט אין זיין דרשה ווי ער האט אריגינעל נוטה געווען להתיר נאר א צדיק גאון וקדוש האט אים משכנע געווען צו אסר'ן זאגנדיג אז "ס'איז א שאלה חמורה"[30]. הרב אויש האט אויך דערציילט אז מען האט פארגעשלאגן גרויס געלט פאר רבנים צו באקומען פון זיי א היתר, און ער האט דאס שטארק אראפגעריסן זאגנדיג אז אזוינס איז

---

מבורשטין שליט"א, כ"ק אדמו"ר מפאפא-ב"פ שליט"א, כ"ק אדמו"ר מחוסט שליט"א. הרבנים הגאונים הצדיקים: הגאון הגדול אבד"ק פריימאן שליט"א ראב"ד התאחדות הרבנים, אבד"ק מגד יהודה שליט"א, אבד"ק וואלקאן שליט"א, דומ"ץ סקווירא ב"פ שליט"א, גאב"ד פאלטישאן שליט"א, דומ"ץ סקווירא ירושלים שליט"א, אבד"ק קארלסבורג שליט"א, אבד"ק קליינווארדיין שליט"א, אבד"ק בעלזא-מאכניווקא ומסב"ג שליט"א, אבד"ק היבנוב שליט"א רב דבית החולים מיימאנעדיס, אבד"ק קלעסאן שליט"א מרבני קהל יטב לב דסאטמאר ומסב"ג, רבי אפרים שמעון לייכטאג שליט"א דומ"ץ סאטמאר 15, רבי משה קעסלער שליט"א דומ"ץ וראה"כ וויזניץ, רבי מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא בשליחות אביו כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א, רבי שלו' פסח לאנגסאם שליט"א דומ"ץ בעלזא, אבד"ק פאלטישאן-פלעטבוש שליט"א, אבד"ק לייפניק שליט"א, רב דקרית הערצאג שליט"א בארה"ק, אבד"ק פרעשבורג שליט"א, אבד"ק בערזשאן שליט"א, אבד"ק קאמעניץ שליט"א, אבד"ק גאלאנטא שליט"א, אבד"ק אוסטילא שליט"א, אבד"ק אמרי אברהם שליט"א, אבד"ק סוואליווע שליט"א, רבי יחזקאל עקיבא גראס שליט"א דומ"ץ בעלזא, רבי מאיר צבי בערגער שליט"א דומ"ץ בעלזא, רבי זושא אויש שליט"א דומ"ץ בהלכה ורפואה בקהל יטב לב סאטמאר, רבי יואל זוסמאן הורוויץ רב דקהל תולדות צבי ספינקא ב"פ בשליחות אביו כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א, רבי יוסף באב"ד שליט"א דומ"ץ וויזניץ מאנסי, ר' חיים דוד קראקעווער שליט"א דומ"ץ גור סטעטן איילענד, רבי אברהם דוד ליווי שליט"א דומ"ץ באיאן ירושלים, רבי ישראל ראזענבערג שליט"א דומ"ץ קהל תורת חיים וויזניץ ומסב"ג, רבי אברהם ישעי' וואזנער שליט"א דומ"ץ בשיכון סקווירא בשליחות אביו הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, רבי משה אסטרייכער שליט"א דומ"ץ בבארא פארק, רבי יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א דומ"ץ בקהל פאפא ומסב"ג, רבי דוד לייב פישער שליט"א דומ"ץ בקהל פאפא ומסב"ג, רבי שלו' יעקב גרינשטיין שליט"א דומ"ץ בקהל באבוב-45, רבי מאיר אלי' טייטלבוים שליט"א דומ"ץ טשערנאביל, רבי נפתלי דייטש דומ"ץ בקרית יואל, רבי יואל האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ קהל עדת יראים וויען, רבי יעקב מנחם שטייף שליט"א מו"ץ התאחדות הרבנים, רבי חיים משה רוקח שליט"א דומ"ץ בבי"ד אבני שיש פאלטישאן, רבי חיים אלעזר עסטרייכער שליט"א דומ"ץ בית תלמוד.

29) מען זאגט אז רבי אברהם לייטנער ז"ל אב"ד מאנטעווידעא האט זיך שטארק פארלאזט אויף אים.

30) עס זענען דא וואס שפעקולירן אז דער דערמאנטער צדיק איז זיין רבי, דער פשעווארסקער רבי ר' לייבוש לייזער פון אנטווערפן.



ר׳ הערשל אויש טרעט אויף ביי דער אסיפה פון די אוסרים

קיינמאל נישט געהערט געווארן פארצושלאגן גראבן שוחד צו באקומען א היתר פון א רב.

## קונטרסים און תשובות

כ״ד סיון איז ענדליך ארויס מהר״א׳ס לאנג-ערווארטעטע תשובה להתיר; פערצן בלעטער באפעפערט מיט קינצליכע לשונות און מליצות. עס איז נישט קלאר אויב עס איז בכוונה געווארן ארויסגעלאזט אדער עס איז ארויסגערונען בלי רשות[31]. דאס האט געברענגט פרישע מענות אויף דער תשובה, ווען צווישן זיי איז ארויסגעשטאנען א תשובה פון עמיצן ״הרב חיים פרייא רב קהל בני ישראל קופנהגן״[32].

בכלל איז געווען אינטערעסאנט צו זען די אנאנימע תשובות הין-און-צוריק פון ביידע זייטן, קענטליך געשריבן דורך טאלאנטפולע תלמידי חכמים. מען האט שוין פריער דערמאנט דעם אנאנימען ענטפער אויף רבי מענדל זילבער׳ס תשובה. אויך איז אום ל״ג בעומר ארויס א קורצער אנאנימער בריוו פון בלויז צוויי בלעטער אפצופרעגן ר׳ פנחס כ״צ׳ס תשובה פובליצירט א וואך פריער.

שפעטער א׳ תמוז איז נתפרסם געווארן נאך אן אינטערעסאנטע הין-און-צוריק פון גאר לאנגע אנאנימע תשובות. צום ערשט א לאנגער בירור להיתר פון ניינצן בלעטער, נאכגעפאלגט מיט אן אנטווארט פון א צווייטן לאיסור און אן אפווענדונג פונעם ערשטן צוריק להיתר. אזוי האבן די צוויי מחנות געגעבן פאר ליבהאבער און פארערער פון רבני׳שע שאלות ותשובות אסאך שטאף אין וואס מפלפל צו זיין.

אין די טעג נאך דער מתירים אסיפה פון ט״ז סיון זענען ארויס נאך תשובות מתיר צו זיין פון ר׳ מנחם מאיר ווייסמאנדל (פון דער ״ווייסמאנדל״ השגחה; זון פון ר׳ מיכאל בער) און פון ר׳ לוי יצחק סופר, א חשוב׳ער תלמיד חכם אין וויליאמסבורג בעמח״ס טהרת האתרוגים. אבער טראץ דעם אלעם, האבן די תשובות לאיסורא איבערגעשטיגן אין נומער די תשובות להתירא.

אריינגייענדיג אינעם זומער האט זיך דער פלייץ פון תשובות אביסל אפגעשטילט, אבער עס

31) מאנכע האבן גע׳טענה׳ט אז דאס איז ארויסגערונען דורך ר׳ מענדל זילבער׳ס קינדער, און אנדערע האבן געזאגט אז ס׳איז ארויסגערונען דורך יאנקעלע כהן וואס האט עס באקומען פון סענדזשארדזשער רב ר׳ עזריאל מאיר קאהן.

32) דאס קוקט אויס צו זיין א פסעוודאנים, אבער מאנכע האבן עס אנגענומען מיט אן ערנסטקייט, ציטירנדיג ״הרב חיים פרייא״. דאס שטרייכט אביסל אונטער די ווייסע-ליגנטס באניצט דורך ביידע צדדים.

זענען ארויסגעקומען עטליכע חוזרים; ר' ישראל דוד הארפענעס ווי פריער דערמאנט און אויך ר' משה דוב קויפמאן. אזוי אויך איז יעצט ביים שרייבן די שורות ענדליך ארויסגעקומען די לאנג-ערווארטעטע תשובה פון ר' בנימין לאנדא, אדער ווי עס שטייט אויפ'ן בלאט: "נכתב ע"י תלמידי הגאון דומ"ץ טאהש ב"פ שליט"א".

אינטערעסאנט אנצוצייכענען אז די מתירים האבן צו זייער זייט די שטיצע פון מאדערנע אידישע דאקטוירים וועלכע ספעציאליזירן זיך אין אינפערטיליטי באהאנדלונגען. עס איז דא למשל אן אינטערעסאנטער בריוו וואס איז געשריבן געווארן א טאג בעפאר דער גרויסער אסיפה ביים טאהשער דיין, פון דאקטער שערמאַן דזשעי זילבער פון דער אינפערטיליטי צענטער אין סיינט לואיס, מיזורי, באשיינפערליך געשריבן צו א רב[33], אין וועלכן ער טענה'ט אז השתלת שחלות איז בכלל נישט דומה צו תרומת ביצית און ער רופט אן די אוסרים "ציניש, רשעות'דיג, עגאאיסטיש, און פרווען פייניגער".

פון דר. אלי ריבעק, א פרומער ליטווישער דאקטער וועלכער פירט אן א פאפולערע אינפערטיליטי קליניק אין ניו זשערסי מיט'ן נאמען RMA NJ וועלכע ווערט באניצט דורך פיל פרומע פארפעלקער וואס דארפן צוקומען צו די באהאנדלונגען, איז דא א בריוו אין וועלכן ער שילדערט זיין באגעגעניש מיט אדמו"ר מהר"א ביים רבי'ן אינדערהיים. ער שרייבט אז ער האט ערקלערט פאר ר' אהרן דאס "מציאות הדברים", דעם ביאלאגישן חלק פון דער שאלה, וואס לויט אים, שטיצט דאס די מתירים.

## בוני עולם

וועגן דער אנגעבליכער פארמישונג פון דער "בוני עולם" ארגאניזאציע אין דער מערכה איז אויך געווען אביסל באשולדיגונגען הין-און-צוריק.

נאך דער אסיפה פון די אוסרים אין אנשי ספרד איז פארשפרייט געווארן א רעקארדירונג פון אן ארבעטער ביי JDN, א חרדי'שער אדמורי"ם-בילדער וועבסייט, וואס קוקט אויס צו באשטעטיגן אז די הנהלה פון בוני עולם איז געווען פארמישט אין ארגאנזשירן די אסיפה[34]. עס דארף אבער אנגעמערקט ווערן אז בוני עולם לייקנט קאטעגאריש אז די ארגאניזאציע זאל האבן עפעס צו טון מיט דעם רבני'שן איסור אויף השתלת שחלות.

יעצט, גייענדיג צום דרוק, איז ערשינען א ווידעא לכבוד א בעפארשטייענדן פאנדרעיזינג קאמפיין פון בוני עולם אין וועלכן ר' יוסף ירמי' ליפשיץ, וועלכער איז איינגעשטעלט ביי בוני עולם, זאגט אז עס גייען ארום שמועות אז בוני עולם איז אריינגעמישט אין א מערכה וואס באלאנגט פאר רבנים צו טון דערין, און דעריבער וויל ער זאגן אז בוני עולם איז קיינמאל נישט פארמישט אין אזעלכע זאכן, און זיי דארפן עס ניטאמאל מכחיש זיין. אויך ר' שלמה באכנער האט געזאגט אין זיין דרשה ביי דער פאנדרעיזינג אוונט אז דער שטן האט זיך פארלייגט אויף בוני עולם, און מען האט ארויפגעלייגט זאכן אויף אים אין וואס ער איז בכלל נישט עוסק און האט נישט קיין שייכות מיט'ן מוסד.

33) דעם נאמען פונעם רב איז פארמעקט, און יש אומרים איז דאס איז ר' מענדל זילבער.

34) אין דעם שמועס הערט מען ווי א JDN ארבעטער וואס רופט זיך "זופניק" פרעגט יצחק שטערן צי ער זאל מעלדן וועגן דער אסיפה אויף זיין וועבזייטל, זאגנדיג אז בעצם וויל ער עס נישט ארויפלייגן, זינט די סאטמארער קהילות זענען דערקעגן און ס'גייט ברענגען צופיל פרעשור, אבער אויב בוני עולם שטייט טאקע הינטער דער מערכה דאן וועט ער עס לייגן ווייל בוני עולם איז א גוטער קליענט. יצחק שטערן באשטעטיגט אים אויפ'ן טעלעפאן אז בוני עולם שטייט טאקע הינטער דער מערכה.




אן אסיפה אין לשכה פון התאחדות הרבנים אין תשפ"ד. פון רעכטס צו לינקס: סענדזשארדזשער רב, ר' משולם פאלאטשעק, ר' הלל וויינבערגער, ר' מענדל זילבער, גאלאנטער רב, באלחובער רב, און ר' ישי ליבערמאן (קרעדיט: bechatzros.com)

## היימישע סאציאלע פלאטפארמעס

די שערורייה האט אויך געשלאגןווארצלען אין די היימישע מקוואות און סאציאלע פלאטפארמעס, וואו שמועות און מיינונגען אויף די רבנים האוסרים און מתירים צוגלייך זענען פיבערהאפטיג דעבאטירט געווארן.

אויף דעם היימישן פארום "קרעמל" האט זיך אנטוויקלט א שמועס איבער דעם נושא וואס האלט יעצט, בשעת'ן שרייבן די שורות, ביי איבער 70 וועב-בלעטער. אויפ'ן "אוצר החכמה" פארום האלט עס ביי איבער 40 וועב-בלעטער. אויסער דעם חלק הלכה איז א גרויסער טייל פון דעם שמועס איבער דער היימישער פאליטיק שבו, ווען די אוסרים שרייען אז די מתירים זענען משוחד מיט נגיעות און געלט, ווידעראום די מתירים באשולדיגן די אוסרים מיט לגיונות און פעלשעריי פון חתימות און רעקארדירונגען.

אויפ'ן ענגלישן פארום זייטל Imamother, וועלכער ווערט באניצט עקסקלוסיוו דורך פרויען פון אלע ארטאדאקסישע קרייזן, האט זיך אויך פארמירט א קורצער שמועס אויף דעם נושא, קוים זיבן בלעטער. און אנשטאט די לאנגע מענערישע אמפערייען איבער דער הלכה אין פאליטיק, האט מען זיך דארט מער קאנצענטרירט אויף די פראקטישע חלקים וויאזוי און ווער עס טוט די פראצעדורן. איין שרייבערין דערציילט דארט אז זי איז נאנט באקאנט מיט א פאל וואו די פראצעדור איז שוין געטון געווארן דורך דעם אויבנדערמאנטן דאקטער שערמאַן דזשעי זילבער, אונטער דער פולשטענדיגער השגחה פון א רב. עכ"פ, עס איז אינטערעסאנט צו זען די חילוקים וויאזוי דער נושא ווערט באהאנדלט איןביידע זייטן פון דער מחיצה.



**בית דין צדק**
**דקהל יטב לב**
**ד'סאטמאר**

**Beth Din (Court) of**
**Cong. Yetev Lev**
**D'Satmar**

ב"ה

בימי דנחמתא שנת תשפ"ה לפ"ק

הנה פנו אלינו כמה מחברי קהלתינו הק' המצפים לישועת ה' להיפקד בזש"ק ונפשם בשאלתם, במה שהמציאו הרופאים תרופה ומזור ע"י השתלת שלל של ביצים, ובקשתם לשמוע את דבר ה' זו הלכה.

אחרי שישבנו לדון ולברר היטב שאילתא דא ביחד עם רבנים מומחים הבקיאים בדבר ושמענו הצדדים בזה, וגם בירנו מקחם של גדולי הפוסקים מלפני מאה שנים נבג"מ אשר מימיהם אנו שותים ובודאי היה להם סייעתא דשמיא בהלכה, שדנו בזה השאלה כדת של תורה ועלה בידם להיתירא. וכן בירנו הדבר כשמלה ונקטו הלכה למעשה גדולי הוראה שליט"א.

ע"כ דעתינו דעת תורה שכדאי הם ומשנתיהם לסמוך עליהם להלכה ולמעשה, ואין בזה חשש איסור ערוה ויוחסין כלל, והבנים מתייחסים אחרי האשה שבה הושתלה השלל, והם זרע ברך ה' ככל בני ישראל הכשרים.

אולם בכגון דא צריך למודעי, שפעולות בעניני פו"ר המה ענינים חמורים מאוד, ועל כל שאלה וספיקא צריכים הוראה מפורשת אך ורק מאת גדולי וזקני הוראה.

יצו ה' את הברכה לאלו המצפים לישועת ה' שיוושעו במהרה, וכולנו נזכה להתבשר בשורות טובות ישועות ונחמות, מתוך נחת ושמחה והרחבת הדעת כל הימים, עדי נזכה לשמוח בשמחתן של ישראל בביאת בן דוד בקרוב בימינו אמן

באנו על החתום יום עש"ק לס' ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים וגו'
י"ד לחודש מנחם אב תשפ"ה לפ"ק

הננו בזה כיהודה ועוד לקרא אחרי שהרבנים הגאוה"צ שליט"א חברי הביד"צ וגדולי הרבנים דקהלתנו הק' ישבו ודנו בשאלה זו בכובד ראש, ובירו הדברים כדת של תורה, בודאי שכדאי הם לסמוך עליהם הלכה למעשה.

ואשא ידי בתפלה לאלו המצפים לישועת ה' שיפקדו במהרה בדבר ישועה ורחמים לראות זרע ברך ה' בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ונזכה לראות בישועתן של ישראל ובשמחתן בביאת גוא"צ בב"א.

באהע"ח אור ליום ב' לס' ברוך תהי' מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה וגו' ט"ז מנ"א תשפ"ה לפ"ק

דאס צעטל פון ביד"ץ סאטמאר און אדמו"ר מהרז"ל. מערקט די פעלנדע חתימה פון ר' חיים דוד כ"ץ

## ביד"ץ דסאטמאר

ערשט נאך תשעה באב, נאך באלד א האלב יאר פון אסיפות און תשובות היין-און-צוריק, איז ענדליך ארויסגעקומען דאס לאנג-ערוואַרטעטע צעטל פון ביד"ץ פון קהילת סאטמאר מהרז"ל, דאטירט י"ד אב, אונטערגעשריבן דורך רבי שלמה יהודה (לייב) וויינבערגער, רבי יקותיאל יהודא (זלמן לייב) פילאפף, רבי אריה ראזנפעלד, און רבי לייבוש פריעדמאן. די לעצטע צוויי חותמים זענען רעלאטיוו פרישע נעמען אויף די ביד"ץ צעטלען, וואס קומען ווארשיינליך צו ערזעצן די פעלנדע חתימה פון רבי חיים דוד כ"ץ, וועלכער האט שוין גע'חתמ'ט מיט די אוסרים אויף זייער קול קורא.

אין דעם בריוו דריקן זיי אויס זייער מיינונג אז מען קען זיך רואיג פארלאזן אויפ'ן היתר און אז עס איז נישט פאראן קיין שום חשש איסור ערווה אדער יוחסין. אויף דעם צעטל האט אויך אונטערגעשריבן אדמו"ר מהרז"ל מסאטמאר מיט א "כיהודה ועוד לקרא".

דער פסק דין איז א גרויס געווינס פאר'ן צד המתירים, און צייכנט אפ א פאל ווען די רבנים פוןביידע סאטמארער קהילות זענען ארויסגעקומען פאראייניגט מיט א קלארער מיינונג להתיר, אין א היציגער שערורייה מיט שטארקע צדדים אויף ביידע זייטן.

בלייבט איבער צו זען וואס וועט זיך פון דער שערורייה אויסקאכן, און אויב ביז א יאר-צענדליג וועלן נאך זיין רבנים וועלכע זענען אזוי הארב און אויסגעשפראכן דערקעגן און זייער צוגאנג צו קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן פון דער פראצעדור. אבער דאס איז זיכער אז דער פולמוס וועט געדענקט ווערן פאר לאנגע יארן אלס איינס פון די גאר אינטערעסאנטע הלכה'דיגע געפעכטן אין דער היינטיגער מאדערנער וועלט.



ר' חיים דוד כ"ץ דומ"ץ סאטמאר מהרז"ל בארא פארק
(קרעדיט: JDN)

# די מיינונג פון הרב וואזנער און הרב אלישיב

איבער דער מיינונג פון הרב וואזנער ז״ל זענען דא פארשידענע חילוקי דעות צווישן זיינע תלמידים און אנדערע וואס זאגן אז זיי האבן אים אנגעפרעגט אויף דעם נושא בחייו.

רבי חיים אהרן אונגאר שרייבט אין זיין תשובה - ביים אויסשמועסן רבי בנימין לאנדא׳ס היתר - אז ר׳ בנימין איז אריין צו הרב וואזנער, און טראץ וואס ער האט נישט געוואלט בפירוש מתיר זיין צוליב וואס היינט איז (אין זיינע ווערטער) ״א טעכנאלאגישע וועלט און וואס מ׳זאגט גייט ארום איבעראל״, האט ער אבער געוואונטשן הצלחה, עפעס וואס ר׳ בנימין האט לכאורה גענומען פאר א סימן אז ער קען אין דעם פסק׳נען לויט זיין פארשטאנד.

לויט ווי מען האט געשמועסט, האט ר׳ יוסף ישראל אייזענבערגער דערציילט פאר האדמו״ר מהר״א ווענן דריי ארץ ישראל׳דיגע גדולים וועלכע לעבן שוין נישט וואס האבן מתיר געווען פאר עמיצן וועם ער קען פערזענליך, אז זיין פרוי מעג געבן איר שוועסטער א שחלה פאר איר שוועסטער, און אז דאס קינד וועט ווערן פאררעכנט ווי איר שוועסטער׳ס אן קיין ספק. די דריי גדולים זענען הרב יוסף שלום אלישיב, ר׳ פנחס שרייבער מתלמידי חזון איש און דיין בבית דינו פון ר׳ ניסים קרליץ אין בני ברק, און רבי שמואל הלוי וואזנער. ר׳ יוסף ישראל איז מוסיף אז די אנפראגע צו הרב וואזנער איז געווען אין געגנווארט פון אן אנדער רב און עסקן מפורסם - ווענמענ׳ס נאמען ער וויל נישט מפרסם זיין - ביי וועמען ער האט באשטעטיגט די מעשה. ר׳ יוסף ישראל האט דאס אויך מפרסם געווען אין א תשובה.

פון דער אנדערער זייט זאגט רבי אברהם הערש וואזנער נאך פון זיין זיידן אומצווייידייטיג אז השתלת שחלות איז אסור. הרב יוסף בנימין וואזנער אב״ד שבט הלוי זאגט אויך אזוי.

מען האט אויך גערעדט פון א געדרוקטן בריוו וואס הרב וואזנער זאל האבן געשיקט אין זומער תש״ע צו ר׳ שלמה באכנער, וואו ער זאגט אים אן נישט צו טון דברים פסולים, ווען צווישן אנדערע רעכנט ער אויס השתלת שחלות. אויך דער דיין פון בוני עולם, רבי מיכל שטיינמעץ, זאגט נאך פון הרב וואזנער און אויך פון הרב אלישיב אז זיי האבן גע׳אסר׳ט. אויך רבי משה שאול קליין, וועלכער ווערט פאררעכנט אלס איינער פון די גרעסטע תלמידים פון הרב וואזנער און זיין ממלא מקום אין פסק, זאגט נאך דאס זעלביגע.

פון הרב שמואל אליעזר שטרן, רב פון מערב בני-ברק און תלמיד פון הרב וואזנער, איז ניסן צייט ארויס א האנט-געשריבענער בריוו אז דאס וואס מען זאגט נאך בשמו, בשם הרב וואזנער, אז השתלת שחלות איז מותר איז א שקר. פארקערט, ער ברענגט דארט אין נאמען פון ר׳ משה שטערנבוך און פון ר׳ נתן געשטעטנער ז״ל מחבר שו״ת להורות נתן און מחברי הבי״ד פון הרב וואזנער, אז דאס צו ערלויבן איז צו א גרויס אחריות.

אינעם אויבנדערמאנטן בריוו פון דעם מנהיג פונעם ״פלג הירושלמי״ הרב עזריאל אויערבאך, דערמאנט ער זיין טאטנ׳ס אפשיי



הרב וואזנער



הרב אלישיב

צו אזעלכע פראצעדורן, און טוט ווידער קלארשטעלן אז סיי הרב וואזנער און סיי הרב אלישיב (זיין שווער) האבן דאס גע'אסר'ט.

געוויסע מתירים טענה'ן אז מאנכע האבן אנגעדרייט הרב וואזנער אז א שחלה איז שוין פארטיגע ביציות, און אויף דעם איז באזירט דער איסור.

נאך די אלע טענה'רייען איבער וואס הרב וואזנער האט געהאלטן, איז אום ט"ו תמוז נתפרסם געווארן אן אנאנימער בריוו פון איינעם וועלכער גיבט זיך אן אלס תלמיד פון רבי שמואל און פרובירט אויפצואווייזן אז ס'איז נישט מוכרח אז ער איז געבליבן ביי דעם אז השתלת שחלות איז אסור; עס איז ייתכן אז ער האט זיך שפעטער געלאזט איבעררעדן להיתר. ער גייט אזוי ווייט ביז'ן באשולדיגן אז דער בריוו פון הרב וואזנער, אנגעבליך צו ר' שלמה באכנער, איז געפעלשט. דער שרייבער פארענטפערט זיך אז ער שרייבט אנאנים צוליב מורא פון "מציקים".

עס איז ווערד אנצוצייכענען, אז כאטש וואס בוני עולם איז מחמיר אין דעם ספעציפישן ענין פון השתלת שחלות, שטייט זי שוין אויס קריטיק פאר יארן פון הרב חיים לייב כ"ץ, אב"ד סערדאהעלי אין בארא פארק. הרב כ"ץ טענה'ט אז אפילו די פראקטעצירונגען וואס בוני עולם טוט יא, הזרעה מלאכותית און השתלת רחם, האט הרב וואזנער אויך גע'אסר'ט, אין קעגנזאץ צו רבי משה שאול קליין וואס טענה'ט איז די פראצעדורן האט ער יא מתיר געווען.

רבי חיים לייב האט אפילו ארויסגעגעבן א גאנצן ספר דערקעגן מיט'ן נאמען "וזרעם לפניך יכון". די וואס האבן מיטגעהאלטן דעמאלט די פרשה, אין די תש"ס יארן, געדענקען אז בוני עולם האט אראפגערופן ר' משה שאול קיין אמעריקע צו געבן דרשות לטובת איי-ווי-עף און אזוי ארום פארשטילן די קריטיק פון ר' חיים לייב כ"ץ.

וועגן הרב אלישיב איז אויך דא אן עדות פון א תלמיד וואס טענה'ט אז ס'איז אים נישט געווען ניחא להתיר. נאך אנדערע ברענגען קלאר לאיסור פון ר' אלישיב און אזוי אויך פון ר' ניסים קרליץ גאב"ד ביד"ץ בני ברק.

# הַמַּלְאָךְ

דורך: איזי פאזען



דער ארטיקל איז אריגינעל פובליצירט געווארן אויף דעם "קרעמל" וועבזייטל אב תשפ"ד און ווערט יעצט פארגעשטעלט פאר די "כוואליעס" ליינער צו דעם צווייטן יארצייט פון האשה החשובה מרים בת מרדכי יהודה ע"ה (י"ב אב תשפ"ג).

### הקדמה

היינט נאכט איז דער ערשטער יארצייט פון מיין מאמען ע"ה, מרים פאזען (געבוירן בלייער).

מיין מאמע ע"ה איז געווען די בעסטע מאמע וואס א קינד קען זיך נאר ווינטשן. איך - איר עלטסטע קינד - און מיינע געשוויסטער האבן אייביג געוואוסט אז מיר האבן זוכה געווען צו אן אויסערגעווענליכער מאמע וואס האט אונז שטענדיג באגאסן מיט ליבשאפט און שמחת החיים און אונז אויסגעלערנט פון קליינווייז אן וויאזוי צו נאוויגירן די שטורמישע וואסערן פון לעבן מיט א זעלטענעם און דקות'דיגן פארשטאנד. וואס מיר האבן אבער נישט געוואוסט איז ווי קורץ אונזער צייט מיט איר וועט זיין.

מאמי ע"ה איז ל"ע אומגעקומען אין א טראגישן עקסידענט דעם פאריגן זומער. זי איז געווען יונג און געזונט און אין פולן לעבן. די אבידה איז נאך גאר פריש און מיר בענקען נאך איר יעדן טאג.

ליידער האב איך נישט זוכה געווען צו פארברענגען מיט איר אסאך אין די לעצטע אכט יאר פון איר לעבן. מיט אכט יאר פריער, ביים עלטער פון 20 יאר, האב איך פארלאזט דעם פרומען-חסיד'ישן לעבנסשטייגער און געגאנגען שטודירן. דאס איז געווען א שטארקער קלאפ פאר מיינע עלטערן און דער גאנצער משפחה, און ליידער - לויט די אנווייזונגען פון אזוי-גערופענע מומחים און רבנים - בין איך אפגעהאקט געווארן פון מיין משפחה און מיינע געשוויסטער. זינט דעמאלט האב איך נישט געהאט קיין איין שבת אדער יום טוב סעודה אינדערהיים, נישט געקענט אנטיילנעמען אין קיין משפחה שמחות, און בכלל געווארן אפגעשניטן פון דער משפחה.

מאמי ע"ה האט אייביג געוואלט איך זאל צוריק פאראייניגט ווערן מיט דער משפחה. זי האט שטארק געארבעט אויף דעם אויף כל מיני פראנטן און אינעם לעצטן יאר פון איר לעבן איז אסאך פארשריט געמאכט געווארן. אבער ליידער האט זי דאס נישט דערלעבט.

*

דער פאלגנדער פארגעשטעלטער דיאלאג צווישן מיר און מיין מאמען ע"ה איז געקומען צו מיר בהשראה איין נאכט, קורץ נאך דער שבעה, ווען איך האב מיך פאררייכערט און מיך מתבונן געווען איבער מיין פערזענליכער באציאונג און ליבשאפט צו מיין טייערער מאמען ע"ה.

והנה, אין מיין חזיון שטייט די מאמע ע"ה פאר מיר און איך טענה מיך אויס מיט איר. היתכן, מאמע, אז דו האסט מיך פארלאזט? די מאמע ע"ה האט זיך צוגעהערט צו מיר מיט איר כאראקטעריסטישע סבלנות און ליבשאפט. זי האט נישט אייביג געהאט ענטפערס, אבער זי האט זיך שטענדיג צוגעהערט און אייביג מיטגעפילט.

ווי נאר די וויזיע איז צו מיר געקומען האב איך איר תיכף פארשריבן, און אט שטעל איך איר פאר פאר אייך לייענער. האפנטליך אנטהאלט עס עטוואס ליטעראַרישע ווערד. און אויב נישט, זאל עס כאטש זיין אן אנדענק פאר דער ליבשאפט פון א קינד צו זיין מאמען.

*מאמי, איך בין טרויעריג.*

ס'איז זייער טרויעריג.
מ'מעג זיין טרויעריג.

*מאמי, איך בענק מיך אזוי שטארק נאך דיר.*

איך בענק מיך אויך, שעפעלע.
דו האסט מיך געמאכט פאר א מאמע. איך האב אסאך געלערנט פון דיר.

*איך האב עס נישט גרינג געמאכט פאר דיר.*

טאקע נישט.
איך האב דיך אייביג אבער ליב געהאט.

מאמי, איך בענק מיך שוין אכט לאנגע יארן. און דו האסט מיר צוגעזאגט אז אט אט וועלן מיר שוין זיין אלע אינאיינעם. פארוואס האסטו מיך יעצט פארלאזט?

---

*מאמי?*

איך בין דא.

*מאמי, איך האב געהאט אזויפיל צער איבער די יארן.*

איך ווייס.
אונז אויך.

*האסט נחת פון מיר?*

מיר האבן אייביג געהאט נחת פון דיר. מיר האבן שטענדיג געזען אז דו ביסט א מענטש צווישן מענטשן און א בעל-מדות.

*דאס איז אדאנק דיר, מאמי. האסט אונז נישט געגעבן קיין אנדער אויסוואל.*

די אנדערע זאכן וואס איך האב דיך אויסגעלערנט האסטו נישט אייביג אויסגעפאלגט.

*טאקע נישט.*
*און דו האסט קיינמאל נישט שלום געמאכט דערמיט.*

אוודאי נישט! דו האסט בועט געווען אין אלעם וואס איז ביי אונז הייליג און טייער.

*איך האב אייביג געשטרעבט צו טון וואס איז ריכטיג. איך בין נאכגעגאנגען דעם אמת, אזויווי דו האסט מיך אויסגעלערנט.*

יעצט זע איך דאס. איך בין אין עולם-האמת.

*אבער מאמי, דו ווייסט אז איך גלייב נישט...*

אבער איך האב יא געגלייבט.
און דו רעדסט צו מיר.

*מאמי, איך וויל דיך נישט אפלאזן.*

דו מוזט נישט.
קענסט אייביג רעדן צו מיר.

*מאמי, איך האב דיך אזוי ליב געהאט. און איך האב אזוי געדארפט דיין ליבשאפט.*

ס'טוט מיר וויי אז איך האב נישט אויסגעפירט מיין צוזאג.
אבער איך גיי זיכער מאכן אז ס'וועט באלד ווערן.

*אבער דו וועסט נישט דארט זיין מיט אונז.*
*און דאס טוט מיך אזוי וויי.*

יא, ס'טוט זייער וויי.

*מאמי?*

יא, זיסעלע.

*איך גיי ווייטער אנגיין. איך גיי לעבן גוט.*

אוודאי אזוי.
איך גיב דיך נישט קיין אנדער אויסוואל.
פארגעס נישט צו גיין אין gym, און עס געזונט!

*מאמי?*

יא, צדיק'ל.

*קענסט מיר זינגען המלאך? איך בין שלעפעריג.*

ביסטו נישט אביסל צו אלט פאר דעם?

*ביסטו דען נישט געווען אביסל צו יונג פאר וואס דו האסט געטון?*

ביסט גערעכט.
לאמיר עס זינגען איינער פאר'ן אנדערן.





# אֵין בֵּין בַּדְחָן לְאַדְמוֹ"ר אֶלָּא כְּחוּט הַשְּׂעָרָה

דורך: יאשע בן דוואשע

בַּדְחָן מִמָּה פַּרְנָסָתוֹ? מִדִּבּוּר וּמִשִּׁירָה מֵעַל הַכִּסֵּא וּמִקִּבּוּל דְּמֵי שַׁבָּת, אַף אַדְמוֹ"ר פַּרְנָסָתוֹ מִדִּבּוּר וְשִׁירָה מִתּוֹךְ הַכִּסֵּא וּמִקִּבּוּל דְּמֵי שַׁבָּת, וְהַיְנוּ דְּאָמְרֵי אִינְשֵׁי אַדְמוֹ"ר בְּחִינַת שַׁבָּת הוּא, וְאֵין בֵּין כִּסֵּא לְכִסֵּא אֶלָּא שֶׁזֶּה בִּמְעֻמָּד וְזֶה בִּמְיֻשָּׁב.

**בַּדְחָן מָה תַּפְקִידוֹ בְּעֵינֵי הַבְּרִיּוֹת? לֵיצָן הַמְּשַׂחֵק לִפְנֵי הַקָּהָל, אַף אַדְמוֹ"ר לֵיצָן הַמְּשַׂחֵק בִּפְנֵי הַקָּהָל, וְאֵין בֵּין מִשְׂחָקוֹ שֶׁל זֶה לְמִשְׂחָקוֹ שֶׁל זֶה אֶלָּא שֶׁזֶּה פָּנָיו קְלִילוֹת וְזֶה פָּנָיו כְּבֵדוֹת.**

בַּדְחָן מָה הוּא אוֹמֵר? דִּבְרֵי כִּבּוּשִׁין, וְעוֹמֵד וּבוֹכֶה בִּפְנֵי קָהָל, אַף אַדְמוֹ"ר אוֹמֵר דִּבְרֵי כִּבּוּשִׁין וְיוֹשֵׁב וּבוֹכֶה בִּפְנֵי הַקָּהָל, וְאֵין בֵּין בְּכִיָּה שֶׁל זֶה לִבְכִיָּה שֶׁל זֶה אֶלָּא שֶׁזֶּה בּוֹכֶה עַל הֶעָבָר וְזֶה בּוֹכֶה עַל הֶעָתִיד.

**בַּדְחָן הַבָּעַת פָּנָיו כֵּיצַד? עוֹצֵם עֵינָיו, מִתְרַכֵּז וּמֵזִיעַ, אַף אַדְמוֹ"ר עוֹצֵם עֵינָיו, מִתְרַכֵּז וּמֵזִיעַ, וְאֵין בֵּין פָּנָיו שֶׁל זֶה לְפָנָיו שֶׁל זֶה אֶלָּא שֶׁזֶּה הֶדְיוֹט דּוֹרֵשׁ לְשׁוֹן חֲכָמִים וְזֶה שְׁכִינָה מְדַבֶּרֶת מִתּוֹךְ גְּרוֹנוֹ.**

בַּדְחָן מָה הוּא דּוֹרֵשׁ? שְׁקָרִים וּכְזָבִים שֶׁסּוֹפָם לְהִתְגַּלּוֹת, אַף אַדְמוֹ"ר דּוֹרֵשׁ שְׁקָרִים וּכְזָבִים שֶׁסּוֹפָם לְהִתְגַּלּוֹת, וְאֵין בֵּין שֶׁקֶר לְשֶׁקֶר אֶלָּא שֶׁלְּזֶה מְגַחֲכִים וּלְזֶה מַאֲמִינִים.

**בַּדְחָן דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ מָה הֵם? חוֹשֵׁב קִצִּין, דּוֹרֵשׁ רְשִׁימוֹת, וְגוֹמֵר גִּמַטְרִיָּאוֹת, אַף אַדְמוֹ"ר חוֹשֵׁב קִצִּין, דּוֹרֵשׁ רְשִׁימוֹת, וְגוֹמֵר גִּמַטְרִיָּאוֹת, וְאֵין בֵּין תּוֹרָתוֹ שֶׁל זֶה לְתוֹרָתוֹ שֶׁל זֶה אֶלָּא שֶׁל זֶה נִפְסָדִים וְשֶׁל זֶה נִדְפָּסִים.**

בַּדְחָן מִמָּה קוֹרֵא? מִפִּתְקָא קְטַנָּה, וְרוֹאֶה בָּהּ שְׁמוֹת כָּל הָעוֹמְדִים בְּפָנָיו וּשְׁמוֹת מִשְׁפְּחוֹתֵיהֶם, אַף אַדְמוֹ"ר קוֹרֵא מִפִּתְקָא וְרוֹאֶה בָּהּ שֵׁמוֹת הָעוֹמְדִים בְּפָנָיו

וּמִשְׁפְּחוֹתֵיהֶם, וְאֵין בֵּין פִּתְקָא לְפִתְקָא אֶלָּא שֶׁבְּזֶה רוֹאֶה מַה שֶּׁקָּרָה וּבָזֶה מַה שֶּׁיִּקְרֶה.

**בַּדְּחָן אֵיךְ מְכַבְּדִין אוֹתוֹ? מְנַשְּׁקִין לוֹ אַחֲרֵי תַּשְׁלִימֵי דְּמֵי קְרִיאָתוֹ, אַף אַדְמוֹ"ר מְנַשְּׁקִין לוֹ אַחֲרֵי תַּשְׁלוּמֵי דְּמֵי קְרִיאָתוֹ, וְאֵין בֵּין נְשִׁיקָה לִנְשִׁיקָה אֶלָּא שֶׁזֶּה מְנַשְּׁקִים אוֹתוֹ בִּלְשׁוֹן הַכָּתוּב יִשָּׁקֵנִי וְכוּ' וְזֶה מְנַשְּׁקִין אוֹתוֹ נְשִׁיקָה שֶׁל מַמָּשׁ.**

בַּדְּחָן אֵיךְ דּוֹרֵשׁ בִּשְׁלוֹם כָּל בְּרִיָּה וּבְרִיָּה? חוֹנֵף וּמְחַנֵּף לְכָל אָדָם וּמְחַדֵּשׁ מָה שֶׁחַנְפָן וָתִיק עָתִיד לְחָנֵף, אַף אַדְמוֹ"ר חוֹנֵף וּמְחַנֵּף וּמְחַדֵּשׁ מָה שֶׁחַנְפָן וָתִיק עָתִיד לְחָנֵף, וְאֵין בֵּין חֲנֻפָּה לַחֲנֻפָּה אֶלָּא שֶׁזֶּה נַעֲשֶׂה כְּמִין לָצוֹן וְזֶה עוֹנִים אָמֵן אַחֲרָיו.

**בַּדְּחָן מָה הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? כִּצְחוֹק הוּא בְּעֵינֵיהֶן, אַף אַדְמוֹ"ר כִּצְחוֹק הוּא בְּעֵינֵיהֶן, וְאֵין בֵּין צְחוֹק לִצְחוֹק אֶלָּא שֶׁזֶּה צוֹחֲקִים לוֹ בְּפָנָיו וְזֶה צוֹחֲקִים לוֹ שֶׁלֹּא בְּפָנָיו.**

בַּדְּחָן אִישׁוֹנֵי עֵינָיו הֵיכָן עוֹמְדִים? טְמוּנִים בְּתוֹךְ גַּגָּם שֶׁל עַפְעַפָּיו, אַף אַדְמוֹ"ר בְּתוֹךְ גַּגָּם שֶׁל עַפְעַפָּיו הֵם טְמוּנִים, וְאֵין בֵּין אִישׁוֹן לְאִישׁוֹן אֶלָּא שֶׁזֶּה רוֹאֶה עוֹלָם וְזֶה רוֹאֶה עוֹלָמוֹת.





# חכמות חיצוניות

## די אטאמאנישע אימפעריע

דורך: מיימון

"חכמות חיצוניות" איז א היסטארישע סעריע וואס איז געלאפן אין דעם "וועקער", געשריבן דורכ'ן מייסטער שרייבער און היסטאריקער @מיימון. אט דער פערטער חלק, איבער חכמות חיצוניות אין דער אטאמאנישער אימפעריע, איז ערשינען אויפ'ן "מייסטערווערק" וועבזייטל פסח תשפ"ד. מיר לייגן עס דא איבער למען יעמדו ימים רבים און אין בעפארגרייטונג צום פינפטן חלק, "מערב אייראפע", וואס וועט אי"ה ערשיינען אין דער פארגרעסערטער תשרי אויסגאבע.

אין[1] יאר רנ"ב האט דער שפאנישער קעניג פערדינאנד און די קעניגין איזאבעלא אונטערגעשריבן די גזירה פון 'גירוש ספרד', צווינגענדיג אלע אידן אין זייערע לענדער צו עוואקואירן ביז סוף יולי פון דעם יאר (ג' אב). דער דעקרעט האט געברענגט צו א ברוטאלער ענדע דעם גלארייכן קאפיטל פון 'יהדות ספרד' וואס האט זיך געצויגן פאר הונדערטער יארן. די צענדליגער טויזנטער פליטים האבן זיך פארשפרייט אין אלע ארומיגע לענדער; א גרויס חלק אינעם דערנעבנדיגן פארטוגאל וואו זיי זענען בלויז עטליכע יאר שפעטער געצוואונגען געווארן צו שמד, אנדערע האבן אויסגעוואנדערט אין די מאסן קיין מאראקא, איטאליע, און אפילו קיין פוילן און דייטשלאנד, אבער בעיקר האבן ארויסגעשיינט אלס מקום מקלט די לענדער פון דער אטאמאנישער אימפעריע.




די אטאמאנישע אימפעריע

1) מקורות כלליים: גרץ-שפ"ר, דברי ימי ישראל. ש"א רוזאניס, דברי ימי ישראל בתוגרמה. הנ"ל, קורות היהודים בתורכיה וארצות הקדם. ר' נפתלי יעקב הכהן, אוצר הגדולים. חיד"א, שם הגדולים. ר' יחיאל היילפרין, סדר הדורות. ר' דוד קונפורטי, קורא הדורות. י"ד אייזנשטיין, אוצר ישראל. ש.י. פין, כנסת ישראל. ויקיפדיה. מחקריו של יוסף הקר ועוד.
.Jewish encyclopedia. Jewish virtual library. Encyclopedia.com. Wikipedia

דער סולטאן אין טערקיי, באיעזיד דער צווייטער, האט ברייט געעפנט די טויערן פאר די אידישע פליטים, אפנדיג מיט דעם אויפצולעבן די עקאנאמיע פון זיין לאנד, זיך אויסדרוקנדיג - ווי באקאנט[2] - אז דער שפאנישער קעניג איז א נאַר פאר'ן לאזן די אידן אוועקגיין. אוןווירקליך האבן די אידן נישט אנטוישט, און די קומענדיגע תקופה פון איבער הונדערט יאר איז געווען א גאלדענער קאפיטל פאר יהדות טערקיי. כאטש די שווערע וואנדערונגען האבן געברענגט אז די אידן זאלן זיך ווייניגער אינטערעסירן אין די וועלטליכע חכמות און שירים - נאר אנשטאט זיך אריינלייגן אין רוחניות, ברענגענדיג אן אויפשטייג פון קבלה און לימוד הלכה, בפרט ווען א גרויס טייל פון דער אמאליגער אידישער אריסטאקראטיע האבן זיך גע'שמד'ט און געבליבן אין שפאניע, דאך האבן נאך אלץ ארויסגעשיינט די גלענצנדע טאלאנטן פון די אידן וואס האבן זיך אויסגעצייכנט אין מסחר און רפואה דורכאויס פילע דורות.



באיעזיד דער צווייטער

## בחצר הסולטאן

אסאך פון די מגורשי ספרד זענען געווען דאקטוירים און געלערנטע לייט און האבן מיטגענומען זייערע קענטעניסן צו זייער נייער היים, שאפנדיג א נייע אידישע אריסטאקראטיע אין טערקיי. די ערשטע פון זיי זענען אהינגעקומען נאך אין די יארן בעפאר'ן גירוש צום הויף פונעם סולטאן מעהמעט דער צווייטער, וועלכער האט איינגענומען די שטאט קאנסטאנטינאפאל (שפעטער איסטאנבול) פון די ביזאנטן און עס פארוואנדלט אין דער טערקישער הויפטשטאט, אהינברענגענדיג פילע אידן און אנדערע פעלקער אין א פארזוך אויפצובליען די שטאט. ביי אים[3] האט געדינט אלס דאקטער יעקב אפנדי (קצ-רמא) פון ווענעציע, וועלכער האט זיך שפעטער געטויפט צו איסלאם און איז אויפגענומען געווארן אלס וויזיר. ער איז באקאנט ביי די טערקן אלס "יעקב פאשא"[4]. ר' אפרים ן' שאנג'י(Sanchi) [5] איז געווען א דאקטער ביים קעניג פון פארטוגאל פון וואו ער האט געמוזט אנטליפן, און איז אויפגענומען געווארן אלס דאקטער ביים זעלבן סולטאן. זיין זון ר' אברהם איז אויך געווען א הויף-דאקטער און משורר, און נאך אייניקלעך פון דער משפחה זענען געווען רופאים און משוררים.

2) עמנואל אבוהב Nomologia.

3) ביי זיין טאטן מוראט דער צווייטער (קפא-ריא) איז געווען א געוויסער דאקטער יצחק פאשא, וועלכער איז באטיטלט געווארן "גאלען" על שם דעם גרויסן רוימישן דאקטער.

זע אפרים ווסט, אלישע היוני, פעמים 41, איבער אן אומבאקאנטן חכם מיט'ן נאמען 'אלישע' וואס האט געלעבט ביים אנפאנג פון דער טערקישער הערשאפט, און זיין ספר 'מפתח הרפואה' אויף מעדיצין איז געווען שטארק פארשפרייט אינעם מיטלאלטער (ווערט צווישן אנדערע ציטירט דורך ר' חיים ויטאל). עס איז מעגליך אז ער איז דער זעלבער ווי א געוויסער אלישע וואס האט זיך געדרייט ביים סולטאן, און וועמענ'ס פילאזאפיעס האבן גענומען א חלק אין אנהייבן די רענעסאנס עפאכע, דורך זיין תלמיד פליתון (Pletho). ער איז באשולדיגט געווארן אין כפירה און דאס איז מעגליך די סיבה פארוואס ער איז פארגעסן געווארן.

4) טייל פון זיינע קינדער זענען אבער געבליבן אידן און האבן פארמאגט פריווילעגיעס אלס בני משפחה פונעם וויזיר (זע שו"ת מהרשד"ם חו"מ שס"ד).

איליא (אליה) בן אברהם אל-יאהוד איז געקומען פון שפאניע און האט זיך געטויפט צו איסלאם. ער איז באשטימט געווארן אלס הויפט-דאקטער דורכ'ן סולטאן ביי א מגיפה. ער האט געשריבן ביכער אויף רפואה, אסטראנאמיע און קעגן אידישקייט.

5) Myron M. Weinstein, The Correspondence of Dr. Abraham Ibn Sanchi, Studies in Bibliography and Booklore Vol. 20. פון זיינע אייניקלעך איז דער חכם ר' אליעזר שנגי מח"ס דת ודין.















גאר בארימט איז געווען די מאכטפולע משפחת 'המון', וועמענ'ס זיידע ר' יצחק המון איז געווען א דאקטער ביים הערשער פון גראנאדא, שפאניע. זיין זון, ר' יוסף המון (רי-רעח), איז געווען דער לייב-דאקטער און יועץ פונעם סולטאן פאר 25 יאר. פיל מער מאכטפול איז אבער געווען זיין זון ר' משה המון[6] (רנ-שיד), וועלכער האט אין זיין אמט אלס הויפט-דאקטער ביים סולטאן סולימאן "דער גלענצנדער" (רפ-שכו) פארמאגט אויסערגעווענליכן איינפלוס אינעם קעניגליכן פאלאץ וואס ער האט אויסגעניצט לטובת זיינע אידישע ברידער אומעטום. ר' משה איז געווען דער וויכטיגסטער דאקטער אין לאנד און האט געשריבן מעדיצינישע ביכער. זיינע קינדער האבן פאר לאנגע דורות פארמאגט ספעציעלע פריווילעגיעס, און געדינט אלס דאקטוירים און באאמטע בחצרות מלכים ושרים. זיין זון, ר' יוסף השני (-שלז), איז געווען א רופא הסולטאן און א משורר און האט גע'שתדל'ט פאר דער קהילה אין סאלוניקי.[7]

די בארימטסטע הויף-אידן אין דער טערקישער אימפעריע זענען געווען דון יוסף נשיא[8] (רפד-שלט) דער הערצאג פון נאקסוס, און זיין

6) ער האט פארפאסט א בוך אויף דענטיסטרי (ציין היילונג) אין טערקיש. זיין מאכט איז געווען גאר שטארק באקומענדיג א ספעציעלע ערלויבעניש צו בויען א פראכטפול פיר-שטאקיג הויז אין קאנסטאנטינאפאל.

7) אין א דרשה פון ר' משה אלמושנינו לויבט ער אויס ר' יוסף המון (השני) פאר זיין ראלע אין שאפן די נויטיגע פריווילעגיעס פאר די אידן דורכ'ן סולטאן, אינאיינעם מיט אנדערע רופאי המלוכה צווישן זיי ר' יהודה די שיגורא (מאמץ כח, דרש א). ר' יהודה המון (-תד) ב"ר יצחק ב"ר יוסף השני איז געווען א רופא החצר אין א שפעטערן דור, אזוי אויך דער גרויסער משורר ר' אהרן המון. אין די דאקומענטן ווערט דערמאנט א געוויסער דאקטער 'יצחק' וואס האט געהאט א שטארקע ראלע אין העלפן אנקניפן די באציאונגען צווישן טערקיי און פראנקרייך אין יאר ש"מ; לויט געוויסע איז דאס ר' יצחק המון.

8) דער משורר ר' יצחק עונקינירה, וועמען דון יוסף האט אויסגעהאלטן אין זיין פאלאץ, האט פארפאסט א ספר 'בן פורת יוסף' וואס טוט פארשטעלן א ויכוח צווישן דון יוסף און א חכם (א נוצרי, לכאורה א אידישער משומד) וואס האלט אים פאָר פארוואס ער מאכט אוועק חכמות חיצוניות נאך וואס אין זיין יוגנט האט ער דאס גוט געקענט. דער שר ענטפערט אים באריכות, מיט א בקיאות אין די ספרי החכמות, ניצנדיג די אלגעמיינע רעטאריק פונעם דור מגורשי ספרד אראפצורייסן די פילאזאפיעס. ר' יצחק (אדער זיינס א קרוב מיט'ן זעלבן נאמען) האט אויך פארפאסט א וואונדערליכן שיר אויף די א"ב און שאך שפיל מיט'ן נאמען 'איומה כנדגלות'. פון דער משפחה איז דער משורר ר' דוד עונקינירה, וועלכער האט געהערט צום קרייז פון די סאלוניקער



שוויגער, די וועלט-בארימטע רייכע פרוי דאנא גראציע נשיא (רע-שכט), וועלכע האבן אנגעפירט א וועלט-אימפעריע פון פארצווייגטע געשעפטן און בענק, און האבן פארמאגט אן אומגעהויערע השפעה אויפ'ן סולטאנ'ס פאלאץ. זייער געשיכטע פון זייערע וואנדערונגען און הצלחה זענען גוט באקאנט און ברייט באשריבן; זיי זענען פאר פילע יארן געדענקט געווארן צום גוטן פאר זייערע לייסטונגען פאר זייער פאלק. יוסף'ס אמט האט איבערגענומען דון שלמה בן יעיש (Abenaes, רפ-שסח)[9], דער הערצאג פון מיטיליני. ער איז געווען פון די אנוסי פורטוגאל, און האט זיך צוריקגעקערט צו אידישקייט אין סאלוניקי. אדאנק זיין געוואלדיגער רייכקייט האט ער געהאט אומגעהויערן איינפלוס ביים סולטאן, וועלכער האט אים געשטעלט אויפ'ן פלאץ פון דון יוסף אלס הערשער פון טבריא און ער האט געפירט דיפלאמאטישע געשפרעכן מיט פילע לענדער.



LES
NAVIGATIONS
PEREGRINATIONS ET
VOYAGES, FAICTS EN LA
TVRQVIE, PAR NICOLAS DE NICO-
lay Daulphinoys Seigneur d'Arfeville, valet de cham-
bre & Geographe ordinaire du Roy de France, con-
tenants plusieurs singularitez que l'Autheur
y à veu & obserué.
Le tout distingué en quatre Liures.
*Auec soixante figures au naturel tant d'hom-
mes, que de femmes selon la diuersité des na-
tions, leur port, maintien, habits, loyx, reli-
gion, & façon de viure, tant en temps de
paix comme de guerre.*
Auec plusieurs belles & memorables histoi-
res, advenuës en nostre temps.
SCRVTA MINI.
EN ANVERS, M. D. LXXVII
Par Guillaume Silvius, Im-
primeur du Roy.

דער מאכטפולער הויף-דאקטער ר' שלמה בן נתן אשכנזי (רפ-שסב) פון איטאליע, א גראדואנט פונעם אוניווערסיטעט אין פאדובה וועלכער האט פריער געדינט אלס דאקטער פאר'ן פוילישן קעניג, איז געווארן דער הויפט דיפלאמאט פון דער טערקישער אימפעריע צו ווענעציע און פון די גאר איינפלוסרייכע מענטשן אין לאנד. זיין ווייב בולא-אישקאטי האט נאך זיין טויט געדינט אלס דאקטער אין פאלאץ און פארמאגט פאליטישן איינפלוס[10]. אן אנדערע מאכטפולע פרוי איז געווען אסתר חנדלי (רצט-שנב), וואס האט געדינט אלס "קייראר" (אגענט און דאקטער פאר'ן סולטאנ'ס פרויען) און האט פארמאגט א השפעה אויף מלוכה ענינים. עס זענען באקאנט נאך עטליכע אידישע פרויען וואס האבן געדינט אויף דער פאזיציע.[11]

משוררים, און ווי זייער שטייגער, פארפאסט שירים געזינגען צו ווערן מיט טערקישע לידער, זע שפעטער איבער דעם (יוסף פטאי, שירי דוד עונקינירה, קובץ על יד ירושלים תרצז).

עס איז פארהאן א ספר 'הודאת בעל דין', וואס איז א ויכוח קעגן די נוצרים מיט א געוואלדיגן בקיאות בספריהם, וואס איז אנגעבליך פון ר' דוד נשיא, א ברודער פון דון יוסף. למעשה איז דאס העכסט-ווארשיינליך א שפעטערדיגער חיבור וואס איז אומריכטיג מיוחס צו אים.

9) זיין שוואגער איז געווען ראדריגא לאפעז (רעז-שנד), דער לייב-דאקטער פון דער בריטישער קעניגן עליזאבעט (שיח-שסג). זיין טאטע אנטוניו, איז געווען דער קעניגליכער דאקטער אין פארטוגאל וואו ער איז געצוואונגען געווארן צו שמד, און זיין זון איז אויפגעוואקסן אלס אנוס, אויסצייכענענדיג זיך אין מעדיצין אינעם ארטיגן אוניווערסיטעט. נאכ'ן ווערן באשולדיגט אין זיין א איד איז ער אנטלאפן קיין לאנדאן וואו ער איז בארימט געווארן צווישן די הויכע קרייזן, און רעדנדיג פינף שפראכן איז ער אריינגעדרייט געווארן אין דיפלאמאטישע אינטריגעס. עווענטועל איז איז ער אריינגעמישט געווארן אין א פארראט און גע'הרג'עט געווארן.

אן אנדערער מאכטפולער הויף-מענטש אין דער זעלבער קליקע איז געווען דוד פאסי, וועלכער איז געווען די רעכטע האנט צום סולטאן מוראט דער דריטער. נאכ'ן ווערן פארוויקלט אין קאמפליצירטע הויף אינטריגעס און אינטערנאציאנאלע קאנספיראציעס איז ער פארטריבן געווארן אין גלות.

10) רוזאניס, חלק ג' ציון ד' אות ב' (284).

11) אין דער זעלבער צייט וואס אסתר וואס איז געווען אן אגענט פאר'ן סולטאנ'ס מאמע, האט אן אנדערע פרוי, אספרנצה מלכי, געדינט אלס קייראַ פאר'ן סולטאנ'ס ווייב. זי האט אבער שלעכט אפגעשניטן נאכ'ן פרובירן זיך צו מישן אין מלוכה זאכן, און איז ערמארדעט

די אנוועזנהייט פון אידישע דאקטוירים אין פאלאץ איז געווען גאר גרויס, און ביים הויכפונקט, אין אנהייב פונעם 17'טן יאר-הונדערט, האבן זיי זיך געציילט ביי אזויפיל ווי 41 אידישע דאקטוירים קעגן 23 מוסולמענער![12] די אידן האבן זיך גאר שטארק אויסגעצייכנט אין חכמת הרפואה, מיטברענגענדיג פון שפאניע זייער באקאנטשאפט אין די ספרי החכמה און זייער באהאוונטקייט אין פילע שפראכן ווי לאטייניש, אראביש און לשה"ק וואס האט זיי געגעבן גרינגערן צוטריט צו די ספרי רפואה און נאטירליכע פילאזאפיע פון דער מערב-וועלט. ווי דער פראנצויזישער רייזנדער ניקולאס די ניקולאי פארציילט (שכח), זענען רוב דאקטוירים אין די לענדער פון דער אטאמאנישער אימפעריע געווען אידן, און זיי האבן אויסגעלערנט די חכמה פאר די טערקן. דאס זעלבע איז מיט אנדערע פאכן וואס זיי האבן מיטגעברענגט, ווי מאכן געווער, דרוקן ביכער, מסחר און פאעזיע[13]. פילע פון די דאקטוירים זענען געווען פון די חשובי העדה וואס האבן אנטייל גענומען אין דער קהילה ווירטשאפט, ווי עס ווערט דאקומענטירט אין די פילע ספרי שאלות ותשובות פון יענער תקופה.

ר' אברהם ן' מיגש איז געווען דער רופא הסולטאן און זיין מיליטערישער יועץ, באגלייטנדיג אים אויף זיינע מלחמות. ער האט געשריבן א ספר 'כבוד אלקים' אויף עניני חקירה און פילאזאפיע וואו עס דערקענט זיך זיין בקיאות בתורה ובחכמה[14]. ר' משה בנבנשתי הרופא, פון דער חשוב'ער משפחת 'בנבנשתי' פון ספרד[15], האט געדינט אלס דאקטער ביים סולטאן מוראד דער דריטער (שלד-שנה), און געווען גאר נאנט ביים גרויס-וויזיר סיוויס פאשא וואו ער איז געווען פארמישט אין אינטערנאציאנאלער דיפלאמאטיע. ער איז געווען א מחותן מיט פילע גדולי ישראל און זיידע פון באקאנטע גאונים[16], צווישן זיי די בארימטע פוסקים ר' חיים בנבנשתי בעל 'כנסת הגדולה' ואחיו ר' יהושע בנבנשתי (שנ-תכה) מחבר פון 'שדה יהושע' אויף ירושלמי, וועלכער איז געווען א דאקטער, אסטראנאמער, פילאזאף, מדקדק און משורר. ר' יהושע האט געלערנט חכמת הרפואה ביי ר' יצחק קארו[17], אן אייניקל

געווארן אין יאר ש"ס. די ערשטע אזא קיירא וואס מען ווייסט איז סטרונגילה, פון א קרא'ישער משפחה. זי האט זיך געטויפט צו איסלאם בעפאר איר טויט.

12) Encyclopedia Judaica, Ottoman Jewish history. G. A. Russell, physicians at the Ottoman court, medical history 1990 34:243-267. Marc David Baer, Honored by the glory of Islam, 134.

13) יוסף הקר, יוצאי ספרד באימפריה העות'מאנית במאות ה15-18. גאר אסאך אידן האבן געדינט אלס איבערזעצער פאר די אינטערנאציאנאלע דיפלאמאטן אין דער אימפעריע, זע יוסף הקר, שליחו של לואי הארבעה עשר בלבאנט.

14) ער שרייבט לגבי דער וויכטיגקייט פון לערנען די חכמות: "מיר האבן נישט געזען ווער עס זאל זיך לערנען די חכמות פון די פסוקים; בלויז דורך די ספעציעלע ביכער וואס זענען געמאכט פאר דעם," און איז מאריך דערין. אין אן אינטערעסאנטן שמועס ברענגט ער אז די אמונה אין גלגול נשמות קומט פון די דרוזן און אנדערע פעלקער.

15) זע איבער זיי אינעם קאפיטל איבער די חכמי ספרד. אן אנדערע צווייג פון דער משפחה איז געווען דער שר דון יהודה בנבנשתי, וועלכער האט אויסגעהאלטן פילע תלמידי חכמים וואס האבן זיך באנוצט מיט זיין גרויסער ביבליאטעק צו שרייבן זייערע ספרים (זע צב"ש הקדמת עין יעקב). דון שמואל בנבנשתי האט פארמאגט אין זיין ביבליאטעק "ספרים פנימיים וחיצונים", זע יוסף הקר, הפעילות האינטלקטואלית בקרב יהודי האימפריה העות'מאנית, איבער נאך אזעלכע ביבליאטעקן.

16) צווישן זיינע מחותנים ציילן זיך הגאון ר' יהושע צונצין אב"ד אנקונה, און דער מהראנ"ח, שווער פון זיין זון רופא הסולטאן ר' נסים בנבנשתי, טאטע פון הגאון ר' משה בנבנשתי מחבר שו"ת 'פני משה'. (זע מאיר בניהו, רופא החצר רבי משה בנבנשת, ספונות יב.)

17) ר' יהושע האט פארפאסט א ספר אויף רפואה, און ברענגט אסאך די ווערטער פון די פילאזאפן אין זיינע ספרים. ער פארציילט וויאזוי ער האט געזען אין ר' יצחק קארו'ס ביבליאטעק דעם ספר 'תיבת נח' אויף שרשי לשה"ק, פונעם קריסטליכן צענזאר און העבראיסט מארקא מארינא. דאס איז נישט צו פארמישן מיט ר' יצחק קארו דער פעטער און רבי פונעם בית יוסף, מחבר פון 'תולדות יצחק', וועלכער האט זיך באזעצט אין טערקיי נאכ'ן גירוש, וואס ער איז אויך געווען בקי בחכמות און ברענגט אין זיין ספר אסאך ידיעות בעניני רפואה, פילוסופיה ושאר חכמות. דער בית יוסף אליין האט שטארק געשעצט דעם רמב"ם אויף וועם ער באזירט למעשה דעם גרעסטן טייל פון שולחן ערוך, און ציטירט פון אים אפילו שטיקלעך וואס שמעקן פון ראציאנאליזם (זע ביאור הגר"א, יו"ד סי' קעט), אזוי אויך איז באוואוסט זיין חיבור 'כסף משנה' אויפ'ן רמב"ם. דער רייזנדער פון תימן ר' זכרי' אלצהארי פארציילט וויאזוי א תלמיד האט געגעבן א שיעור בעניני פילוסופיה בפניו פונעם בית יוסף אין זיין ישיבה, אבער עס איז נישט זיכער אויב דאס איז היסטאריש קראנט.

פונעם בית יוסף, וועלכער איז געווען א דאקטער און מקורב למלכות.







ר' משה עבאס איז געווען א גרויסער גאון בתורה, א גרויסער משורר, און אין א תשובה צום מהרש"ך[18] דערציילט ער אז ער איז גערופן געווארן צו דינען אלס רופא המלוכה. מאנועל ברודא[19] (רס-שמה) איז געווען פון די בני האנוסים דינענדיג אלס דאקטער אין לאנדאן און איטאליע, און האט שפעטער געדינט אלס רופא הסולטאן אין טערקיי וואו ער האט געלעבט אפן ווי א איד. ער האט פארפאסט מעדיצינישע ווערק און אנגעבליך א ספר אויף די טעמי המצוות.

אין די שפעטערדיגע יארן האבן אידן פארנומען סאך א קלענערע ראלע אלס דאקטוירים[20] און בכלל אין דער קולטור, דאך געפינען מיר ר' משה אמאראג'י, א דאקטער און מקורב למלכות ביי מוראד דער פערטער (שפג-ת). ר' ישראל קוניאן (תי-תפ) פון איטאליע איז געווען א קעניגליכער דאקטער און דיפלאמאט צווישן טערקיי און ווענעציע. ר' טוביה הרופא האט געדינט ביי פיר סולטאנען (זע מער איבער אים אין א קומענדיגן קאפיטל). ביי מוכאמאד דער פערטער (תח-תמז) האט געדינט אלס דאקטער משה בן רפאל אברבנאל (-תנב), וועלכער האט זיך געטויפט צו איסלאם און געווארן דער הויפט-דאקטער אין לאנד, שרייבנדיג עטליכע בארימטע מעדיצינישע ווערק. ער האט געדינט אלס איבערזעצער פאר שבתי צבי ביי זיין אויפטריט פאר'ן סולטאן.

אויך די הויפט מיניסטארן פון לאנד, די ויזירן און פאשאס, האבן כסדר געהאט אידישע דאקטוירים. דער פאשא פון סאראיעווא (היינט באסניע) האט געהאט א דאקטער און באנקיר נפתלי בן מנצור. דניאל דע פאנסעקא (תלב-תצג), פון די אנוסי פורטוגאל, איז געווען א דאקטער און דיפלאמאט פאר'ן סולטאן און זיינע אייראפעאישע אליאירטע ביי זייערע מלחמות, און האט געפירט פילאזאפישע געשפרעכן מיט'ן בארימטן פראנצויזישן שרייבער 'וואלטעיר' וועלכער האט אים שטארק געשעצט טראץ וואס ער איז געווען אן עפנטליכער איד.

## רבנים ודרשנים

די גוטע באציאונג פון די טערקישע פירער צו אידן האט געברענגט א ריזיגן וואוקס פון אידישע קהילות אין פילע שטעט איבער דער טערקישער אימפעריע, ווי די הויפטשטאט קאנסטאנטינאפאל,

ר' שמואל סבע, א שוואגער פונעם ב"י, איז געווען א רב און דאקטער אין אנדריאנאפאל. א געוויסער ר' שלמה מ'סרץ רופט אים אין א בריוו צו א ויכוח נאך וואס ער האט באליידיגט זייער שטאט, און ער רעכנט אויס פילצאליגע חכמות חיצוניות וואס זיי זאלן זיך פארהערן אינאיינעם מיט תורה, זייענדיג זאכן וואס חכמי ישראל האבן געדארפט צו קענען אין יענער צייט.

18) סימן מז-ח. זע מאיר בניהו, לקורות היהודים בתירייא, ציון יב.

19) זיין טאטע אשר ברודא (באקאנט אלס "דאקטער דיוניסיו") איז געווען א קעניגליכער דאקטער אין פארטוגאל אלס אנוס. שפעטער איז ער אנטלאפן קיין אנטווערפן וואו ער איז געווען א פרנס אין דער אידישער קהילה, און שפעטער אין ענגלאנד און איטאליע. די אינקוויזיציע האט פארברענט זיין בילד. **Uriel Heyd, an unknown turkish treatise by a jewish physician.**

20) בכלל האט די אטאמאנישע אימפעריע זיך פארפעלט מיטצוכאפן מיט דער וויסנשאפטליכער פארשריט פון אייראפע, און איז צוביסלעך געווארן שטארק צוריקגעבליבן מיט זייער טעכנאלאגיע און סייענס.









אנדריאנאפאל, סאלוניקי, סקאפיא, ניקאפאל[21], בורסא, ארטא, און שפעטער איזמיר, וואו עס האבן זיך געפינען טויזנטער אידן איינגעטיילט אין קהילות לויט די לענדער פון וואו זיי האבן געשטאמט - שפאניער, פארטוגעזער, איטאליענער, אשכנזים, און די ארגינעלע איינוואוינער. דער אידישער מסחר האט דארט געבליט, און אזוי אויך דער עולם התורה וואס האט ארויסגעגעבן הונדערטער באקאנטע רבנים און פוסקים, מחברים פון באוואוסטע ספרים.

כאטש די רבנים האבן זיך בעיקר אפגעגעבן מיט הלכה און קבלה, און דאס מציאות אז רבנים לערנען אויך חכמות חיצוניות איז געווארן פיל ווייניגער, דאך טרעפן מיר אז די פילאזאפישע ספרים זענען נאך געווען שטארק פארשפרייט אין די ערשטע צוויי דורות נאכ'ן גירוש ספרד צווישן די אינטעלעקטואלע שיכטן פון פאלק. פילע רבנים האבן געלערנט די ספרי חקירה פון די ראשוני ספרד, און אפילו די אריגינעלע ספרי הפילוסופים פון די חכמי האומות. דער ערשטער הויפט-רב אין טערקיי איז געווען ר' משה קפשאלי (קפ-רנה), וואס איז שטארק געשעצט געווארן דורכ'ן סולטאן און ער האט אים געזעצט נעבן די קריסטליכע און מוסולמענישע הויפט-גייסטליכע[22]. ר' אליהו מזרחי (קצה-רפו), זיין ממלא מקום, איז וועלט בארימט מיט זיין גאונ'ישן פירוש אויף רש"י, ער האט אבער אויך געקענט פילע אנדערע חכמות[23]. ער האט געשריבן א ספר 'מלאכת המספר' אויף מאטעמאטיק; 'צורת הארץ' אויף געאגראפיע; א פירוש אויף 'אלמאגעסט' - דער פונדאמענטאלער ספר אויף אסטראנאמיע פון תלמי; און א פירוש אויף די כתבים פונעם מוסולמענישן טעאלאג און פילאזאף אל-גאזאלי. ער פארציילט אויך ווי ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים אין ישיבה[24] די

21) ניקאפאל איז געווען א וויכטיגע שטאט אין בולגאריע וואס איז שפעטער געווארן א טייל פון דער אטאמאנישער אימפעריע. עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז דער לעצטער קעניג פון בולגאריע האט געהייראט א אידישע פרוי מיט'ן נאמען שרה תיאודורה, און איר געטויפט צו נצרות. זי האט געטון טובות פאר אירע אידישע ברידער, און איז געווען די מאמע פון פארשידענע קעניגן און הערשער אינעם ראיאן.

22) זע אבער יוסף הקר, הרבנות הראשית באימפריה העות'מאנית במאות הט"ו והט"ז.

23) אין שו"ת הרא"ם (סי' נז) הערן מיר איבער א היציגער מחלוקה אין דער קהילה, ווען טייל קנאים האבן געוואלט פארבאטן צו לערנען די חכמות מיט די קראים וועלכע האבן געהאט א היבשע אנוועזנהייט דארט. דער רא"ם איז מאריך מתיר צו זיין, זאגנדיג אז עס איז קיינמאל נישט געווען קיין פראבלעם ביי גדולי ישראל צו לערנען חכמות חיצוניות מיט - אדער פון - גוים, מוסולמענער, אדער קראים. ער גייט אריין אין דער סוגיא אויב לערנען חכמות איז א מצוה - ווי דער רמב"ם - אדער א רשות, און רעדט זיך אפ אז דער איסור איז גורם אז די אידישע תלמידים לאזן נאך דאס לימוד החכמות ווען עס איז נישט דא קיין קנאת סופרים. ער פארציילט אז זיין רבי ר' מרדכי כומטינו (א גרויסער חכם וואס האט געשריבן פילע ספרים אויף אסטראנאמיע, רפואה און אנדערע חכמות), און זיין רבינ'ס רבי ר' חנוך צפרטא, האבן געלערנט מיט די קראים חכמות און אפילו תורה, זיך קריגנדיג מיט ר' משה קפשאלי וואס האט גע'אסר'ט צו לערנען תורה מיט זיי.

24)אין שו"ת מים עמוקים (סי' כו) שרייבט זיך דער רא"ם מיט "הרופא המובהק" ר' אברהם סבע, וואס לויט געוויסע איז דאס דער בעל 'צרור המור'. זע דן מנור, לתולדותיו של ר' אברהם סבע, מחקרי ירושלים במחשבת ישראל ב.

חכמות חיצוניות.[25]

דער גאון און פוסק ר׳ שלמה לבית הלוי (הזקן, רצב-שס) האט געשטאמט פון א חשוב׳ער משפחה פון רבנים ורופאים גולי ספרד[26]. ער איז געווען דער רב און דאקטער פון צוויי קהילות אין סאלוניקי. ער האט אסאך עוסק געווען אין חכמת הטבע און פילאזאפיע וואס ער ברענגט כסדר אין זיינע פילע ספרים[27], און האט אויף פארפאסט שירים. פון דער זעלבער משפחה איז אויך געווען דער גאון ר׳ יעקב ישראל לבית הלוי (שכה-שצו), מחבר פון שו״ת מהר״י לבית הלוי, וואס איז געווען א רב, און שפעטער א סוחר און מקורב למלכות אין גריכלאנד און איטאליע. ער האט צווישן אנדערע איבערגעזעצט דעם איסלאמישן ׳קוראן׳ צו לשה״ק[28]. ער און אנדערע פילאזאפן האבן געלערנט חכמה פונעם פילוסוף ר׳ דוד ן׳ שושן פון סאלוניקי[29], אויף וועמען מען פארציילט אז צוליב זיין גרויס קלוגשאפט פלעגן אפילו די טערקן קומען צו אים ער זאל לערנען מיט זיי די איסלאמישע געזעצן און אנדערע חכמות. ר׳ משה אלמושנינו (רעו-שמ) איז געווען א באקאנטער פוסק, דרשן און פילאזאף אין סאלוניקי. אין

ר׳ משה ב״ר יהודה גאליינו איז געווען א תלמיד פון רא״ם; ער איז געווען א דאקטער אין קעניגליכן הויף און א פילאזאף שרייבנדיג און פארטייטשנדיג פילע ספרים. אין זיין ספר ׳תעלומות חכמה׳ ברענגט ער א גאנצן אויסוואל פון פארשידענע ערליי חכמות און פסעוודא-חכמות ווי זכרון-טעכניקן און נאך (צווישן אנדערע פארציילט ער איבער א כמו-ראבאט וואס האט געארבעט מיט שטריק וואס ער האט פארגעשטעלט פאר׳ן סולטאן). ער דערמאנט דארט איבער די אידישע רופאי המלך וואס האבן זיך געדרייט אין פאלאץ אין יענע צייטן (א׳ דוד, תעלומות חכמה לר׳ משה בן יהודה גאליינו, קרית ספר 63. זע אבער י״מ תא-שמע, כנסת מחקרים ג כב, אז ער האט געהייסן אליהו). דער פארשער Robert Morrison שרייבט, אז עס איז שטארק מעגליך אז אדאנק גאליינו זענען אנגעקומען די חידושים אין אסטראנאמיע פון די מוסולמענער חכמים צו קאפערניקוס, וואס האט אים שפעטער געהאלפן צו ערצייגן זיין וועלט-בארימטן העליאצענטרישן מהלך אין אסטראנאמיע. לויט אים געפינען מיר פריע דיסקוסיעס איבער דעם נושא אין גאליינו׳ס ספרים, אזוי אויך אינעם ספר ׳מכתב אליהו׳ אויף אסטראנאמיע פון ר׳ אליהו אלפג׳י (פון קושטא; ער ווערט געברענגט אין די ספרי שו״ת), אין א חיבור פון החכם ר׳ יצחק אבולקר, און אינעם חיבור פון רא״ם אויף תכונה. דורך זיי איז עס מעגליך אנגעקומען קיין איטאליע (**A Scholarly Intermediary between the Ottoman Empire and Renaissance Europe**).

עס איז געווען נאך איינער פון דער משפחה, ר׳ משה בן אליהו גאליינו, וואס האט פארפאסט דעם ספר ׳תולדות אדם׳, א פאפולערער ספר אויף חכמת היד והפרצוף, וואו ער ברענגט פון אריסטו און גאלינוס פארשידענע חכמות און איינרעדענישן. אויך האט ער איבערגעזעצט ספרי אסטראלאגיע און א ספר אויף גורלות.

25) זע אין שו״ת הרא״ם סי׳ נו, וסי׳ ה. אין דער אויבנדערמאנטער תשובה סי׳ נז, ווערן ספעציפיש אויסגערעכנט די חכמות: הגיון, טבע, מה שאחר הטבע, מספר, תשבורת, תכונה און מוסיקה. אין אידיש: לאגיק, פיזיק, מעטאפיזיק, מאטעמאטיק, געאמעטריע, אסטראנאמיע און מוזיק. דאס זענען די ׳שבע חכמות׳ וואס ווערן כסדר דערמאנט אין די ספרים, צוזאמען מיט אנדערע איינטיילונגען. דאס איז געבויט אויפ׳ן געדאנק פון די ׳seven liberal arts׳ וואס זענען געלערנט געווארן אין די אלגעמיינע אוניווערסיטעטן אינעם מיטלאלטער, מיט׳ן טויש פון גראמאטיק און רעטאריק אנשטאט פיזיק און מעטאפיזיק, וואס דאס איז ערשט געלערנט געווארן ביי א העכערן שטאפל.

26) זיין זיידע ר׳ שלמה, פון די מגורשי פארטוגאל, איז געווען א רופא מומחה. מהר״ש הזקן האט געהאט א זון ר׳ יצחק, אויך א גרויסער חכם און פילאזאף, זיין זון איז ר׳ שלמה לבית הלוי הבחור, מחבר פון שו״ת מהר״ש לבית הלוי. מהר״ש הזקן איז געווען דער שווער פונעם גאון מהר״א ששון בעל שו״ת תורת אמת.

27) ער פארציילט ווי ער האט זיך ספעציעל געלערנט די לשונות הגוים כדי צו קענען ליינען די ספרי חכמה. ער שטעלט אויס א סדר הלימוד פון די 30 ביז די 40 יאר, וואס נעמט אריין די ״חכמות הגיוניות, למודיות, טבעיות ואלהיות״. אין אלגעמיין ווארנט ער אבער אויך קעגן זיך צו שטארק אריינלייגן אין חכמות אויפ׳ן חשבון פון תורה. עס איז מערקווירדיג וואס ער מערקט אן אז אין מדרש געפינען מיר פלאטאנישע געדאנקען...

28) זיין שווער איז געווען הרופא ר׳ שמואל קורי, מיט וועמען ער האט זיך געשריבן בעניני הלכה ופילוסופיה.

29) ר׳ דוד האט געשריבן פארשידענע ספרים אויף די חכמות. עס זענען דא וואס שטעלן אים צוזאם מיט׳ן אידישן אסטראנאמער דוד פון סאלוניקי, וואס האט ארויסגעהאלפן דעם חכם טאקי-אל-דין אין זיין אסטראנאמישער אבזערוואטאריע וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורכ׳ן סולטאן צו זען זיין מזל... עס איז מעגליך אז ר׳ דניאל בן פרחיה (זע שפעטער) האט אים אויך ארויסגעהאלפן איבערצוטייטשן מאטעמאטישע און אסטראנאמישע ביכער **Avner Ben Zaken, Cross cultural scientific exchanges**.

אן אנדערער פון זיינע תלמידים איז ר׳ אשר הכהן ארדוט, רב מובהק וראש ישיבה כולל בחכמות (קורא הדורות), אן אייניקל פונעם בעל העקידה. ר׳ אשר איז געווען דער רבי פון די גאונים ר׳ אהרן פרחיה בעל ׳פרח מטה אהרן׳, און ר׳ ברוך אנגיל.












זיינע פילע ספרים און דרשות ציטירט ער כסדר עניני חכמה ומדע פון די אידישע און אלגעמיינע פילאזאפן[30] און לאזט זיך אריין אין לענגערע פילאזאפישע חקירות. ער האט אויך געשריבן א פירוש אויף די כתבים פון אריסטו און אל-גאזאלי, א ספר אויף הנהגת החיים וואס איז פארטייטשט געווארן אויף לאטייניש, א היסטאריע אויף דער טערקישער אימפעריע, א באשרייבונג אין לאדינו אויף דער גרויסער שטאט קאנסטאנטינאפאל, און א ספר אויף חלומות. אויך האט ער ערצייגט אסטראנאמישע אינסטרומענטן.

ר' משה אלבילדה (רס-שמג), אן אנדערער גרויסער דרשן און מחבר פון אסאך ספרים, האט גוט געקענט די ספרי פילאזאפיע וואס ער ברענגט אסאך אין זיינע ספרים. ער האט פארפאסט א פירוש אויף מורה נבוכים און אויף די שריפטן פון אריסטו. אפילו דער גרויסער גאון ומקובל ר' יוסף טאיטאצאק (רכה-שו), פון די גרעסטע פוסקים אין זיין צייט[31] און רבי פון פילע מקובלים, האט געקענט די חכמות און ער ציטירט אסאך אין זיינע ספרים פון מו"נ ורלב"ג, אריסטו, טאמאס אקווינאס, און די רוימישע שרייבער אגידיוס און בואתיוס. און אזוי אין כמעט אלע ספרי דרוש פון יענער תקופה ווערן אראפגעברענגט ענייני חכמה ומחקר, כאטש בעיקר ציטירן זיי שוין צווייטהאנטיג פון די פריערדיגע ספרים. א ביישפיל זענען די דרשות פון ר' יצחק אדרבי (רפ-שלז) וואו ער ציטירט אסאך חקירות פון עקידה און זיין זון ר' מאיר עראמה[32]. אויך ר' יצחק ן' ארויו אין זיין ספר 'תנחומות אל' און דער מהרשד"ם (ר' שמואל די מודינה [רסו-שנ], פון די גדולי הפוסקים) אין זיין ספר 'בן שמואל' ברענגען אסאך מו"נ, עיקרים, עקידה און בחינת עולם. דער גרויסער פוסק מהראנ"ח[33] ציטירט אויך גאר אסאך פון זיי אין

30) ער האט פארטייטשט ביכער פון די חכמי האומות פון זיין צייט. ער נעמט אן די שיטה פון העליאצענטריזם פון קאפערניקוס און ציטירט שפאנישע משוררים. אין א בריוו טרעט ער ארויס שארף קעגן די וואס לאזן נישט לערנען די חכמות (הקר, הפעילות, הע' 51).

31) ר' יוסף איז געווען א גרויסער מקובל און הייליגער מענטש. מען פארציילט אויף אים אז ער איז נישט געשלאפן אין א בעט פאר פערציג יאר משבת לשבת! (ראשית חכמה). רוב גדולי ישראל פון יענער צייט זענען געווען זיינע תלמידים (צווישן זיי דער אלשיך, מהרשד"ם, ר"ש אלקבץ, ועוד). איבער זיין פילאזאפיע זע יוסף ברוך סרמוניטה, הספרות הסכולסטית בספר פורת יוסף לרבי יוסף טאיטאצאק, ספונות יא. ברכה זק, פירושיו הדרשניים של ר' יוסף טאיטצאק, מחקרי ירושלים במחשבת ישראל ז.

32) ר' מאיר האט געוואוינט אין טערקיי נאכ'ן גירוש. אויך דער עלטערער גאון ר' יואל ן' שועיב האט זיך דארט באזעצט נאכ'ן גירוש. זיינע ספרים, וועלכע זענען פול מיט רעפערענצן צו די פילאזאפישע ספרים, זענען א קלאסישער ביישפיל צו די ספרי חכמי ספרד אינעם לעצטן דור בעפאר'ן גירוש. זיי זענען געדרוקט געווארן אין קושטא.

33) ר' אליהו ן' חיים (ב. רצ-שע), הויפט רב אין קושטא. עס איז מערקווירדיג ווי ער שרייבט אז חז"ל האבן געגלייבט אז די ערד איז פלאך קעגן "המוסכם אצלינו היום", ענליך צו די קאנטראווערסיאלע רייד פון ר' עזריה רוסי (פ' בראשית וקרח). אין פ' משפטים ברענגט ער א "מאמר החכם" וואס ווערט מיוחס צום קריסטליכן חכם הירונימוס. איבער ר' אהרן ן' חיים זע דן מנור, ההשגחה הנס והטבע במשנתו הפילוסופית של ר אהרן אבן חיים.

יוסף הקר טענה'ט אבער, אז אין די ספרים פון דעם דור זענען שוין די פילאזאפישע חקירות אסאך מער א טפל און ווייניגער ארגינעל, ווי עס דערקענט זיך אין די ספרים פון ראנ"ח, ר' יוסף טראני (מהרי"ט) און ר' יאשיהו פינטו וואס כאטש זיי ברענגען אסאך די ספרי חקירה איז

זיינע דרשות 'הנותן אמרי שפר'. ר' אהרן ן' חיים (שטו-שצב), מחבר פונעם באקאנטן פירוש 'קרבן אהרן' אויף ספרא, איז מאריך בעניני חקירה אין זיין ספר 'לב אהרן' אויף נ"ך. אויך דער מהרי"ט, ר' יוסף טראני (שכח-שצט), ברענגט אין זיינע דרשות 'צפנת פענח' גאר אסאך פון די אידישע און אלגעמיינע פילאזאפן און חכמי הטבע. ר' שמואל יפה-אשכנזי (רפה-שנה) אין זיין ריזיגן חיבור 'יפה תואר' אויפ'ן מדרש, לאזט זיך אריין אין לענגערע שמועסן איבער די רייד פון די פילאזאפן וחכמי הנוצרים[34]. אפילו ר' יצחק יעבץ הרופא, אן אייניקל פונעם קנאי ר' יוסף יעב"ץ, ברענגט דעם אראבישן דאקטער 'אבן סינא' אין זיינע ספרים.

דאס דערקענט זיך אויך אין די ספרים וועלכע זענען געדרוקט געווארן אין טערקיי דורך די פילע דרוקערייען וואס האבן זיך דארט געווירבלט[35], א שטייגער ווי דרך אמונה פון ר"א ביבאגי (רפא), ספרי אבן עזרא ורד"ק, חובות הלבבות (שי), אמונות ודעות (שכב), מאמר תחיית המתים להרמב"ם (שכט); פארשידענע ספרי שירה פון שפאניע און איטאליע ווי מחברות עמנואל (רצה), שעשועים (שלז), מנחת יהודה שונא הנשים (שג), תחכמוני (שלח), בן המלך והנזיר און משלי סנדבאד (רעח-ו, איבערזעצונגען פון אינדיאנער ראמאנען), און דאס בוך 'אמאדיש די גאולא' (שא), וואס איז אן איבערזעצונג פון די ריטערליכע נאוועלן[36] וועלכע זענען געווען פארשפרייט אין אייראפע. אין סאלוניקי זענען געדרוקט געווארן ספר העיקרים (רפ), עקידה (רפב), ספר הגדרים (שכז), און נאך.


פתרון חלומות
להחכם ר' שלמה אלמולי תנצב"ה
באמשטירדם
בבית מנשה בן ישראל



אסאך פון די מדפיסים זענען געווען געלערנטע מענטשן וואס האבן דירעקט אויסגעקליבן די סארט ספרים, ווי דער באקאנטער דרוקער פון איטאליע ר' גרשום שונצינו וועלכער האט פארמאגט א ספעציעלן אינטערעס אין ספרי שירה וחכמה און האט דאס ממשיך געווען אויך נאכ'ן אריבערציען זיין דרוקעריי קיין טערקיי. דער

עס שוין פיל וויניגער ווי די ערשטע דורות נאכ'ן גירוש.

34) צווישן דעם רייכן אויסוואל פון מראי מקומות וואס ער ברענגט זענען מו"נ ורלב"ג, בדרשי, אור ה', עיקרים, דרך אמונה, 'חכמי הנוצרים', 'החיצוניים', די גריכישע פילאזאפן אריסטו, אפלטון, בן דקאליס און קמדריוס (- ער מיינט מעגליך די באקאנטע פילאזאפן אמפידוקלוס און אנכסימנדרוס), די אראבישע פילאזאפן אבן סינא און אבן רושד, 'החוקרים', 'הרופאים', 'הטבעיים', תפלה למשה (אלמושנינו) בשם 'ספרי הרומיים', מפשר חלמין בשם 'חכמי קדם', יוסיפון, ועוד.

אויף איין פלאץ וויל ער אפילו זאגן אז די חכמות האט אברהם געלערנט, און אויך יעקב האט דאס געלערנט מיט יוסף נאך נישט האבנדיג קיין תורה דעמאלט... אין ב"ר ב, ד שרייבט ער אז חז"ל זענען נישט געווען בקי אין אסטראנאמיע נאר וויפיל ס'האט אויסגעפעלט פאר קביעות המועדים, און דעריבער האבן זיי געקענט מאכן טעותים. זיין זון ר' יוסף איז געווען א רופא און האט געשריבן א שיר אין זיין הקדמה צום טאטנ'ס ספר. זע אויך מאיר בניהו, ר' שמואל יפה אשכנזי, תרביץ מב.

35) זע אבער שאול רגב, לימוד כתיבה והדפסת ספרים בפילוסופיה במאה הט"ז, אז בעיקר זענען געדרוקט געווארן ספרי פילאזאפיע און נישט קיין אנדערע ספרי חכמות, וועלכע זענען אין גרויס טייל פארבליבן בכתב יד און פארלוירן געגאנגען.

36) טייל פון די רבנים זענען געווען ברוגז אויף די דרוקער פאר'ן דרוקן די סארט ספרים ווי עמנואל און די ראמאנען, און האבן פארבאטן דאס צו ליינען (זע יוסף הקר, גרשם שונצינו המדפיס הריניסאנסי וחכמי שאלוניקי). פון די פילצאליגע איסורים דערקענט זיך אבער ארויס אז דאס איז געווען גאר פאפולער ביים פאלק. אפילו קעגן ליינען ספרי מלחמות ודברי הימים זענען געווען פילע אוסרים, בפרט אין שבת, אבער אין די שפעטערדיגע פוסקים זענען דא פילע מקילים.

זע י' הקר, תמונת ההיסטוריה של ר' שמואל וולריאו, ווי ער באטראכט דארט די פילע היסטאריע רעפערענצן אין די ספרים פונעם חכם ורופא ר' שמואל וולריו פון גריכלאנד, ועמענ'ס פירושים אויף דניאל און אסתר זענען פול מיט ציטאטן פון די ספרי חכמות ופילוסופיה, און ער באניצט זיך מיט די דרכי המלוכה בימיו צו מסביר זיין די פסוקים.

דרוקער ר' שמואל שולם (רנ-שב) איז געווען אן אסטראנאמער און דאקטער, און האט געדרוקט דעם היסטאריע-ספר 'יוחסין' מיט פילע אייגענע הוספות. הרופא ר' שלמה אלמולי[37] האט געדרוקט זיינע פילע ספרים אויף שירה, דקדוק, חלומות, פילאזאפיע און חקירה אין קושטא, אינאיינעם מיט די ספרי רד"ק ואבן עזרא.

## חכמות חיצוניות

ווי פארשטענדליך איז נישט יעדער געווען איינשטימיג מיט'ן לערנען חכמות חיצוניות, און נאכ'ן גירוש הערן מיר פיל שטערקער דאס התנגדות דערצו פון די מגורשי ספרד, ווי ר' יוסף יעב"ץ און אנדערע, וועלכע טענה'ן אז די חכמות חיצוניות האבן געברענגט אז אידן זאלן נישט עומד זיין בנסיון[38], און אזוי אויך פון די אריגינעלע איינוואוינער פון גריכלאנד און טערקיי וועלכע האבן נישט געזען מיט א גוט אויג די נייע סארט שיטות און קולטור פון די ספרדים. דער גרויסער פוסק ר' דוד הכהן, דער רד"ך (רכה-רצ)[39], האט טענות אויף די נייע אימיגראנטן פון שפאניע מיט זייערע פילאזאפיעס, און ר' דוד מסיר ליאון – אליין א שטיקל פילאזאף – האט אויך געפירט א מערכה מיט די גולי ספרד פאר זייער ראדיקאלער פילאזאפיע. אין פילע ספרים פון דער תקופה טרעפן מיר באווייזן איבער די ויכוחים וואס האבן זיך אפגעגעטן ארום דעם נושא: דער גאון ר' אליהו הלוי אין א תשובה (שו"ת זקן אהרן כ"ה) טוט שארף פארדאמען איינעם וואס רופט די פילאזאפן "אפיקורסים", אנווייזנדיג אויף די לאנגע רייע פון אידישע פילאזאפן און די פילע מקורות אין תלמוד אז מען מעג עוסק זיין בחכמה, כאטש ער אליין האט נישט געלאזט זיינע תלמידים דאס טון ווייל "נתמעטו הלבבות"[40]. דער גאון און פוסק ר' משה אלאשקר האט אפגעשריבן א לענגערן קונטרס אפצוענטפערן די טענות פונעם 'ספר האמונות' אויפ'ן רמב"ם און זיין פילאזאפיע (כאטש אין טייל איז דאס באזירט אויף דער לעגענדע אז דער רמב"ם האט בסוף ימיו "איינגעזען" זיין טעות.)[41]


מערידך

קונטריס קטן הכמות ורב האיכות והוא ביאור כמה מלות קשות וזרות שלא נתבארו כל צרכן בס' הערוך או שלא נתבארו שם כלל ומלות הזוהר. ואגב ביאור המלות נתבארו בו גם כן מאמרים רבים קשי ההבנה עד שאין ראוי לשום בן תורה לעמוד בלתו. ובסופו יש הרבה מעשיות של רז"ל שלא נדפסו. חברו

מנחם די לונזאנו ז"ל.

נדפס פעם ראשונה בויניציאה שנת שע"ח לפ"ק והובא עתה על מכבש הדפוס בהוצאות של ה"ר ירוחם פישל ומוגה ע"י

אהרן יעללינעק
יושב ודורש פה לפסיא.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

לפסיא
שנת תרי"ג לפ"ק.


השגות שהשיג החכם
ר' משה אלאשקר ז"ל על
מה שכתב רבי שם טוב בספר
האמונות

37) איבער אים זע שאול רגב, עיונים במשנתו הפילוסופית-דתית של ר' שלמה אלמולי, דעת 62.
און אנדערער פון די מדפיסים איז געווען ר' שלמה ן' מלך, וואס האט דארט געדרוקט זיין ספר 'מכלל יופי' אויף דקדוק געבויט אויף אבן עזרא ורד"ק. דער ספר איז געווארן א פאפולערער ספר זיך צו לערנען דקדוק במשך די יארן.

38) זע יוסף הקר, לדמותם הרוחנית של יהודי ספרד בסוף המאה החמש-עשרה, איבער ר' יוסף גרסון, פון די ראשי ישיבה אין ספרד. זע אויך שפעטער איבער די מקובלים וועלכע זענען בדרך כלל געגאנגען מיט'ן מהלך וואס איז שפעטער געווארן די אנגענומענע שיטה ביי רוב כלל ישראל. זע אבער ח. ה. בן-ששון, דור גולי ספרד על עצמו, ציון כו, אז באמת איז פילאזאפיע ווייט נישט געווען אזוי פארשפרייט בעפאר'ן גירוש ווי מ'וואלט געוואלט קלערן.
די דאזיגע תקופה פון ערב און נאכ'ן גירוש איז אויך די צייט ווען דער טערמין "חכמות חיצוניות" איז געווארן פאפולער זיך צו באציען צו אלע חכמות אויסער דער תורה.

39) זיין אידעם איז געווען דער חכם ר' דוד ב"ר שלמה הרופא ויטאל פון גריכלאנד מחבר פון 'כתר תורה', א פוסק און מקובל, מדקדק און משורר. אין זיין ספר 'מכתם לדוד' אויף די י"ג עקרים און אנדערע ענייני חקירה ברענגט ער זאכן איבער חכמת הטבע בשם זיין זיידע "הרופא המובהק" ר' יצחק שולם פון שפאניע.

40) די תשובה ווערט אויך מיוחס צום רדב"ז אבער עס איז לכאורה א טעות.
ר' אליהו איז געווען דער ממלא מקום פונעם רא"ם אלס רב אין קאנסטאנטינאפאל. ער ברענגט אין זיין ספר עטליכע מאל די ספרי אריסטו אויף מוזיק און רעטאריק; ער האט געשריבן פילע שירים און האט געקענט חכמת העיבור, לויט ווי עס שרייבט זיין תלמיד ר' בנימין מוטאל בעל 'תומת ישרים', וואס איז אליין געווען א גרויסער מדקדק (חיד"א).

41) זע אברהם מלמד, מיתוס החוזרים בתשובה הרמב"ם ואריסטו, דעת 64.

דער חכם ר' מנחם די לונזאנו (שי-שפו) פון קושטא-ירושלים, איז גאר ארויסגעקומען מיט א שארפער אטאקע קעגן די ראשונים וואס האבן עוסק געווען בחקירה, ווי דער רמב"ם און חובות הלבבות[42], כאטש ער אליין איז געווען א גאר געלערנטער מענטש, א רופא, מדקדק ומשורר, און געקענט פילצאליגע שפראכן ווי עס דערקענט זיך אין זיין ספר 'המעריך' אויפ'ן ערוך וואו ער איז מסביר די פילע גריכישע און רוימישע ווערטער אין גמרא מיט א געוואלדיגן בקיאות.

דורכאויס די נאכפאלגנדע יארן האבן די הלכה און קבלה ביסלעכווייז איבערגענומען דעם פלאץ פון חכמות חיצוניות און די זאכן זענען געווארן אלץ ווייניגער און זעלטענער אין די אידישע ספרים, און מער און מער הערן מיר דעם קול וואסווארנט אז מען זאל זיך היטן פון דער סכנה וואס ליגט דערין. אפילו פון מחברים וועלכע האבן יא געקענט די חכמות, זענען זיי אבער מסכים אז לימוד התורה איז דער עיקר און די חכמות, בעיקר פילאזאפיע, ברענגט נישט קיין גוטס.



א בית כנסת אין סאלוניקי

## סאלוניקי

די שטאט סאלוניקי (גריכלאנד) איז באזונדער אויסגעשטיגן אלס א ווירבלענדער אינטערנאציאנאלער צענטער וואו טויזנטער אידן פון פארשידענע לענדער האבן געלעבט אין אירע פילצאליגע קהילות, און די שטאט איז פאר לאנגע יארן געווען דער צענטער פונעם אידישן לעבן אין דער אימפעריע. אירע פילצאליגע ישיבות

זע מאיר בניהו, מקור על מגורשי ספרד בפורטוגאל, ספונות יא, אז דער ספר האמונות איז באהאלטן געווארן דורך די קינדער פונעם מחבר וועלכע זענען אליין געווען פילאזאפן און האבן זיך געשעמט דערמיט. הערשט נאכ'ן גירוש איז דער ספר געדרוקט געווארן, און ר"מ אלשקר האט געשפירט אז ער דארף עס אפענטפערן.

42) זע יוסף הקר, פולמוס כנגד הפילוסופיה באיסטנבול במאה השש עשרה, עיונים בספר דרך חיים לר' מנחם די לונזאנו.

ער ברענגט א גאנצע ליסטע ציטאטן קעגן פילאזאפיע פון די ראשונים וואס זענען געווען דערקעגן, דערנאך לאזט ער זיך אריין אין אטאקעס קעגן דעם רמב"ם, אבן עזרא, רלב"ג, ר"ש ן' חפני, עקרים, און באריכות קעגן דעם חובת הלבבות פאר זיין צוגאנג אז פילאזאפיע און חובות הלב איז חשוב'ער ווי מצוות מעשיות. די דאזיגע שארפע ווערטער זענען ארויסגעלאזט געווארן אין צווייטן דרוק און זענען ווארשיינליך נישט גוט אויפגענומען געווארן דורכ'ן ציבור וואס איז נאך אין יענער צייט געווען שטארק אריינגעטון אין די חכמות.

ר' מנחם ווייזט ארויס א ברייט בקיאות אין דער אלגעמיינער שירה פון פילע פעלקער און קולטורן, און באנוצט זיך מיט אראבישע און טערקישע לידער פאר זיינע שירים "צוליב זייער מעגליכקייט צוצוברענגען דעם מענטש צו מיסטישע עקסטאז" (אדוין סרוסי, ר' מנחם די לונזאנו, ס' זכרון למאיר בניהו).

זיין אייניקל, ר' אברהם לונזאנו, האט געשריבן א ספר 'קנין אברהם' (תפג) אויף דקדוק נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין פראג און געזען אז די אשכנזים פארשטייען נישט די ספרי דקדוק "וועלכע זענען געשריבן אין א פילאזאפישער שפראך". (ער האט זיך אמאל גע'שמד'ט באונס.)




אידן אין סאלוניקי

זענען גאר בארימט[43] און אזוי אויך דער "תלמוד תורה הגדול" - פון די ערשטע אין אייראפע וואס האבן איינגעפירט קלאסן און א סדר הלימוד פאר די קינדער. דער מוסד האט אויך פארמאגט פארשידענע ארגאניזאציעס פאר צדקה וחסד, און א קליידער פאבריק, א דרוקעריי און א שפיטאל. צווישן די מצבות פון דער שטאט געפינען מיר פילע וועלכע ווערן באטיטלט אלס "הרופא המובהק"[44], ווי צב"ש ר' שלמה קבאליירו (רצ) פון די חשובי העדה, און ר' יצחק אברבנאל פון דער באקאנטער 'אברבנאל' משפחה.[45]



אידישער דאקטער אין טערקיי אין א בוך פונעם רייזנדער ניקולאס די ניקולאי - אנגענומען צו זיין ר' משה המון רופא הסולטאן

די דאקטוירים אין סאלוניקי האבן געהאט א גוטן נאמען, און פון ווייטע ערטער איז מען געקומען אהין זיך היילן[46]. אין א געוויסן מחזור טרעפן מיר א קינה אויף די דארטיגע דאקטוירים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען ביי א מגיפה: "כן היו שלמים שלמו נפשם בענינים, כמו רופאים זקנים בידיעות כל ובשנים, כגאליינוס בקיאים הם כבן סינא ואומנים, ליעף נתנו כח ורב עצמה לאין אונים"[47]. דער בארימטער דאקטער אמאטוס לוזיטאנוס (זע פריערדיגע קאפיטל איבער אים) האט דארט געוואוינט בסוף ימיו, און איז געווען באפריינדט מיט די ארטיגע חכמים, צווישן זיי דער חכם ר'

43) אינעם דרך הלימוד פון די יוצאי ספרד קען מען נאך דערקענען די השפעה פון דער לאגיק און פילאזאפיע וואס איז געווען גאר פאפולער אין שפאניע; די כללי התלמוד פון ר"י קנפנטון וואס זענען געבויט אויף לאגיק זענען דארט פארברייטערט געווארן, און די אויסדרוקן פון פילאזאפיע ווערן פיל מאל דערמאנט אין די ספרי הלכה (זע חיים בנטוב, שיטת לימוד התלמוד בישיבות שאלוניקי ותורכיה, ספונות יג. דניאל בויארין, דרכם בקודש, על שיטת לימוד התלמוד בקרב מגורשי ספרד).
דער גאון און פוסק ר' יהודה אבן בולאט פון די מגורשי ספרד, א תלמיד פון ר"י קנפנטון, האט געשריבן א ספר 'כלל קצר' וואו ער שטעלט אויס א דרך הלימוד וואס נעמט אריין תלמוד והלכה און ספרי פילאזאפיע וחכמת הטבע, מיט א פינקטליכן סיסטעם וויאזוי און וויפיל צו לערנען דערפון ע"ש.

44) י. ש. עמנואל, גדולי שלוניקי לדורותם. מיכאל מולכו, בבית העלמין של יהודי שאלוניקי.

45) מאיר בניהו, בית אברבנאל בשאלוניקי, ספונות י"ב.

46) זע אין שו"ת מהר"י בן לב (ח"א כט): "הרופאים מזאת העיר שידענו שהם מומחים ומובהקים". זע יהושע ליבוביץ, לתולדות הרופאים היהודים בשאלוניקי, ספונות יא. יצחק ש. עמנואל, זכרון שלוניקי א. רוזאניס, שם.
אנדערע דאקטוירים וואס ווערן דערמאנט זענען ר' שלמה בן חביב (-רסד, פון א חשוב'ער משפחה פון שרים ורוזנים); ר' יצחק בושאלדו (רפג); ר' שם טוב אבשרגא; ר' דוד שולם; ר' יהודה עוזיאל א תלמיד פון מהרח"ש, פון דער חשוב'ער משפחת עוזיאל וועמענ'ס ראש המשפחה, החכם ורופא ר' שמואל עוזיאל פון די מגורשי ספרד, איז נאך געווען א תלמיד פון מהר"י אבוהב. די משפחה האט ארויסגעגעבן נאך אסאך רבנים, רופאים ומשוררים; ר' אברהם גאגין; ר' אברהם חביליו (שנז), און נאך פילע. לויט געוויסע איז דארט אפילו געווען א בית מדרש לרפואה (Encyclopedia Judaica, Salonika), כאטש עס איז מסתבר אז מען רעדט באמת פון אן אלגעמיינער שולע און נישט קיין אידישע אינסטיטוציע.

47) "ומהם יצאת תורה וכל חכמות ועיונים... ואן נמצא כמוהם דברנים עוד ודרשנים, בתשבורת והנדסה ובתבונה והגיונים, ובחכמת אלהות הן נכונים הם ומוכנים..." (ר' בנימין הלוי, מחזור אשכנזים, קושטא שה).






אהרן עפיא, א געוועזענער אנוס, וועלכער איז געווען א דאקטער, מאטעמאטיקער און פילאזאף - דער רבי פון אסאך אידישע פילאזאפן אין שטאט.

ר' תם ן' יחייא (רלה-שב), פון דער בארימטער משפחה 'אבן יחייא', איז געווען דער רב אין סאלוניקי און מחבר פון שו"ת 'אהלי תם'. ער האט געדינט אלס רופא הסולטאן, און די מוסולמענישע שופטים פלעגן זיך קומען בעראטן מיט אים צוליב זיין באקאנטשאפט אין די געזעצן[48]. אויך זיין זון ר' יוסף האט געדינט אלס דאקטער ביים סולטאן, און איז אומגעקומען ביים באגלייטן דעם סולטאן סולימאן אין קריג (תלג). די משפחה האט ארויסגעגעבן נאך פיל דאקטוירים און רבנים; ר' תמ'ס אייניקל, ר' משה, האט זיך בארימט געמאכט ביי א מגיפה אין קושטא וואו ער האט ארויסגעהאלפן סיי פינאנציעל און סיי אלס דאקטער. זיין זון ר' גדלי' ן' יחייא האט פארמאגט א שטארקן אינטערעס אין אידישער שירה, און האט געגרינדעט א "בית המדרש לשירה"[49] אין סאלוניקי אין וועלכן עס האבן זיך באטייליגט צענדליגער משוררים, פערזענליך אדער שריפטליך, פרובירנדיג נאכצומאכן און אנהאלטן די מסורה פון די משוררי ספרד. צווישן זיי זענען געווען די בארימטע משוררים פון דער תקופה, ווי ר' יהודה זארקו[50], ר' סעדיה לונג'ו[51], ר' ניסים שאנג'י, ר' יצחק עוזיאל, ר' ישראל נג'ארה און נאך פילע.[52]

48) שלשלת הקבלה. ר' תם ווערט באטיטלט "הפילוסוף האלקי" (אהלי תם פ') און אין דער הקדמה ווערט דערמאנט זיין גרויסקייט בחכמות חיצוניות. ער האט איבערגעדרוקט דעם ספר "יוסיפון" מיט פילע הוספות. אויך האט ער פארפאסט ספרים אויף תלמוד, רי"ף, און אנדערע חכמות, וואס זענען פארברענט געווארן.

49) למעשה זאגן היינטיגע חוקרים אז דאס באציט זיך ווארשיינליך צו א שריפטליכע נעץ פון קארעספאנדענץ - ווי איידער א פיזישער בית-מדרש אין זיין הויז. זע שנהב ברטוב, שירת החול העברית של משוררי שאלוניקי, 3, ווי זי באטראכט דארט די הונדערטער שירים אין כתב יד פון דער גרופע משוררים וואס האבן זיך געשריבן כסדר שירים. צווישן זיי זענען אויך ר' אברהם ראובן, ר' יהודה אבן עזרא, ר' שאלתיאל גאליפפה, ר' יעקב טרפון ועוד. א דור שפעטער זענען געווען ר' אברהם רומאן ואחיו ר' חזקיה, ר' יום טוב יעיש און נאך צענדליגער אנדערע. עס זענען פארהאן אָן א שיעור שירים אין כתב יד פון די חבורות משוררים, וואס זענען קיינמאל געדרוקט געווארן. אין אלגעמיין זענען זייערע שירים געווען שטארק באזירט אויף די משוררי ספרד ווען זיי האבן געשטרעבט נאכצומאכן, כאטש די שירי חול נעמען אן א מער ערנסטן כאראקטער, און שירי חשק זענען מער זעלטן.

מיר געפינען אויך אנדערע גרופעס משוררים אין דער תקופה; אין מצרים איז געווען די חברת "בני אגור" דורך ר' יוסף בן רם, און "בני מחול" דורך ר' רחמים קלעי און זיינע משוררים. אין תימן האט געלעבט אביסל שפעטער דער גרויסער משורר ר' שלום שבזי, וואס איז געווען א געלערנטער מענטש אויך אין פילאזאפיע און אנדערע חכמות. זיינע שירים רעפלעקטירן אויך די לאקאלע אראבישע שירים (שלום שבזי, שירים. ערך יוסף טובי).

א דריטער פון די פריערדערמאנטע רומאן ברידער, ר' יעקב, אויך א משורר, האט געקענט פילע שפראכן און האט זיך באקענט - דורך זיין פריינט ליאון סיאא, א משומד, דער הויף-דאקטער פונעם פרינץ פון טראנסילוואניע - מיט'ן העבראאיסט יוהאן בוקסטארף, וועלכער האט שפעטער אפגעקויפט זיין גרויסן ביבליאטעק פון ספרי פילאזאפיע.

50) פון רודוס (Rhodes) אין גריכלאנד. ער האט פארפאסט אן אינטערעסאנטע דראמא מיט'ן נאמען 'לחם יהודה' איבער א בת מלך וואס איז פארכאפט אין א טורעם און אירע ליבערס פרובירן איר צו באפרייען - א באקאנטע טעמע ביי די אלגעמיינע משוררים אין דער תקופה (ענליך איז די טעמע אין 'תולדות ידותון' פון ר' נסים סאנג'י).

ער האט זיך געהאלטן נאנט מיט די רופאי החצר פאר וועם ער האט פארפאסט שירים. אזוי אויך זענען פארהאן אויסטוישן פון שירה צווישן אים און די משוררים ר' חנניה בן יקר און ר' מנחם אגוזי (מחבר 'גל של אגוזים' עה"ת, אין דעם ספר ברענגט ער אסאך די אידישע פילאזאפן און די ספרי אריסטו).

51) ער איז געווען פארעכנט אלס דער ראש החבורה פון די משוררים. זיין ספר 'סדר זמנים' אנטהאלט גאר קינצליכע און מאדערנע סטיל שירים (דב ירדן, נקבצות משירי ר' סעדיה לונגו, ספונות יב).

52) עס זענען פארבליבן נאך פילצאליגע שירים, פיוטים און סליחות פון די משוררים פון יענער תקופה וואס זענען היבש אומבאקאנט. מיר









צווישן די חשוב'ע משפחות אין סאלוניקי איז געווען די משפחה פונעם שר ורופא ר' פרחיה הכהן פון איטאליע, ראש ישיבה אין סאלוניקי. זיין זון, ר' דניאל הכהן, האט געדרוקט דעם ספר 'שארית יוסף' אויף חכמת העיבור איניינעם מיט אן איבערזעצונג פון די אסטראנאמישע טאוולען פון ר' אברהם זכותא און זיין תלמיד יוסף ויזינו[53]. אן אנדערער זון, ר' משה הכהן, איז געווען א דאקטער אויף וועם מען זאגט אז ער האט געהיילט דעם סולטאן. זיין זון ר' אברהם איז געווען א רופא מובהק און ראש ישיבה, און געשעצט אפילו ביי די גוים פון שטאט. ר' אברהם מלמד איז געווען א רב ופוסק און רופא "כולל בחכמות", זיין קרוב, הרופא ר' שם טוב (שנ"ו, בן הרופא ר' יעקב מלמד, איז געווען א רב ומחבר ספרים[54] און דער טאטע פונעם גרויסן גאון ופוסק ר' מאיר מלמד

---

וועלן דא אויסרעכענען נאך אביסל פון זיי:

ר' שלמה בן מזל טוב (ארום רמ-שי) איז געווען א משורר און מדפיס אין קושטא נאכ'ן גירוש, צווישן זיינע פילצאליגע שירי קודש וחול טרעפן מיר א שיר לכבוד דעם סולטאן סולימאן און א שיר אויפ'ן שאך שפיל ר' שלמה איז געווען פון די ערשטע משוררים אנצוצייכענען ביי זיינע שירים אז דאס קומט צו געזינגען ווערן מיט גוי'אישע טענער - טערקישע, אראבישע, גריכישע און שפאנישע - א זאך וואס איז שפעטער געווארן גאר פארשפרייט.

ר' שלמה מבורך האט אים נאכגעמאכט מיט'ן פארפאסן שירים לכבוד דעם סולטאן סאלים (טובה בארי, שלמה מזל טוב, פעמים 59).

דער משורר ר' שלמה ן' מובחר האט פארפאסט א ספר 'חזק יד' וואס איז אן איבערזעצונג פונעם גאנצן משנה תורה להרמב"ם אין גראמען.

ר' יוסף גאנסו איז געווען א גאר פרוכטבארער משורר אין בורסא. גייענדיג אויפ'ן גאנג פון ר' ישראל נג'ארה פון וועם ער האט געלערנט די חכמת השיר, טוט ער אויך גאר פינקטליך אנצייכענען די פארשידענע טערקישע ניגונים מיט וואס צו זינגען זיינע שירים. ער איז אויך געווען א גאון בתורה זייענדיג דער רבי פון מהר"ש אלגאזי (כנרת שוצמן, יוסף גאנשו משורר עברי בתורכיה במאות הט"ז והי"ז, עבודת דוקטור).

אן אנדערער תלמיד פון נג'ארה איז ר' אבטליון בן מרדכי, וואס האט שטארק פארשפרייט דעם סטיל פון שירה און פארפאסט אסאך אייגענע שירים. ער איז געווען באקאנט צווישן די טערקן פאר זיין טאלאנט און האט געהאט פארבינדונגען מיט דער מיסטישער 'דערוויש' גרופע, אן אפצווייג פון די 'סופי' מוסולמענער וועלכע האבן עוסק געווען אין טאנצן און שירה בדביקות. לויט געוויסע האט ער באקענט זיין רבי'ן מיט דער גרופע (זע שפעטער). ר' אבטליון האט געגרינדעט די 'חברת המפטירים' וועלכע פלעגן פארשטעלן זייערע מוזיק אין שול. זיי זענען געווען שטארק באאיינפלוסט פון דער טערקישער מוזיק און פילע פון די שפעטערדיגע משוררים און מוזיקאנטן זענען געווען גאר פאפולער ביי אידן און טערקן צוגלייך (**Bulent Aksoy, Great voice of Ottoman Turkish and Jewish music**).

ר' אליהו קפשאלי דערציילט איבער א געוויסן ר' אברהם פון די מגורשי ספרד וואס איז אויפגענומען געווארן ביים קעניג אלס הויף משורר.

די אידישע מוזיק אין טערקיי איז זיך אין יענער תקופה ברייט צעוואקסן, און דער רייזנדער אווליה צ'לבי דערמאנט (שצה) פארשידענע מוזיקאלישע גרופעס פון הונדערטער באטייליגטע זינגער, טאנצער, און אינסטרומענט שפילער וועלכע זענען געווען געשעצט אפילו ביים סולטאן.

53) זיינע אנדערע חיבורים אויף פילאזאפיע און אנדערע חכמות זענען פארברענט געווארן. דער ספר אין חרוזים אויף כללי העיבור איז פון ר' יוסף בן שם טוב ב"ר ישועה חי. אן אנדערער וויכטיגער ספר פון לוחות און כללי עיבור השנים האט געשריבן ר' יששכר אבן סוסאן (רע-שלד) אין זיין ספר 'תיקון יששכר', וואס איז אסאך באנוצט געווארן דורך שרייבער פון לוחות פאר פילע יארן. אויך ר' אברהם צהלון האט געשריבן איבער'ן אסטראנאמישן חשבון המולדות אין זיין ספר 'יד חרוצים'; ער האט אויך געשריבן א ספר 'מרפא לנפש' אויף יסודות הדת וואו ער ברענגט פון מו"נ ועקידה.

54) אין זיינע ספרים ברענגט ער אסאך פון די פילאזאפן און רופאים. עס איז אינטערעסאנט זיין פשט אז "יעקב איש תם" - יעקב איז

בעל ׳משפט צדק׳. ר׳ מרדכי מטלון איז געווען א פוסק וראש ישיבה[55] וואס האט עוסק געווען בחכמות חיצוניות. דער היסטאריקער ר דוד קונפורטי (שעה-תמה) אין זיין ספר ׳קורא הדורות׳ רעכנט אויס נאך א לאנגע רשימה פון רבנים וועלכע זענען היינט אומבאקאנט, וואס האבן חוץ פון תורה אויך געקענט חכמות חיצוניות און רפואה[56]. פון די שפעטערדיגע רבנים איז געווען דער גאון ר׳ יהודה חנדלי (-תכ) וואס איז געווען א דאקטער און באהאוונט אין פילאזאפיע[57]. דער גאון ופוסק ר׳ ברוך אנג׳יל (שנה-תל) איז געווען ״כולל בחכמות״.[58]

## מצרים, סוריה וארץ ישראל

אין די צייטן וואס די שאאיטישע ׳פאטימישע דינאסטיע׳ האט געהערשט אויף מצרים און דעם מיטל מזרח האבן אידן דארט געלעבט פארהעלטניסמעסיג רואיג, און אידישע דאקטוירים זענען געווען חשוב און אנגענומען אין קעניגליכן פאלאץ[59]. ווען די סונישע ׳מאמלוך דינאסטיע׳ (ה׳י-רעז) האט איבערגענומען האט זיך אנגעהויבן א רעאקציע צו נישט-מוסולמענער, און אידן זענען געווארן דערנידערט און גע׳רודפ׳ט. מיט דעם אלעם, כאטש זיי האבן אפיציעל נישט ערלויבט קיין אידן צו דינען אלס דאקטוירים, האבן טייל מיניסטארן נאכאלץ געזוכט זייער דינסט און עס זענען אפילו דאקומענטירט געוויסע אידישע דאקטוירים ביים סולטאן[60]. אזוי אויך האבן זיי אנגעהאלטן דעם אמט פון ׳נגיד׳ פאר׳ן ראש היהודים, וואס האט אנגעהאלטן ביז די טערקן האבן איבערגענומען.[61]

אין די גרויסע שטעט קאירא און אלכסנדריא

געווען געזונט און שטארק, כאטש ״יושב אוהלים״ און ער האט נישט געמאכט קיין איבונגען... (כתר שם טוב)

55) רבי פון די גאונים מהראנ״ח, מהר״א ששון ועוד. זיינע פסקים ווערן געברענגט אין די תשובות פון די גאוני הדור, צווישן זיי דער מהרשד״ם וואס דריקט זיך אויס (חו״ מ מ׳) אז ער האט געלערנט די חכמות ״לרקחות ולטבחות״. זיין ברודער ר׳ שמואל און זיין זון ר׳ יעקב מטלון מחבר פון ׳שארית יעקב׳ האבן אויך געקענט פילאזאפיע.

56) צב״ש פארציילט ער ווי ער האט געלערנט מורה נבוכים מיט ר׳ לוי פשריאל, וועלכער האט עס געקענט אויף אויסעווייניג ״אזוי וואי קרי״ש״; זיין זיידע ר׳ לוי קוזין מח״ס ׳עלית קיר קטנה׳ ״רב מובהק ודרשן וחסיד גדול כולל בחכמות״ האט געשריבן חיבורים אויף פארשידענע חכמות; ר׳ שאלתיאל חפץ האט געקענט קבלה, אסטראנאמיע, פילאזאפיע, און געווען א משורר; ר׳ ישראל אבא האט געקענט תלמוד, פסק, דרוש, קבלה, פילאזאפיע און חכמת הניגון; ר׳ משה טאייטצאק ״מעיין גדול ודרשן ובקי בחכמת הפילוסופיה״; ר׳ דניאל אישטרויסה איז געווען א גרויסער ראש ישיבה און מחבר פון שו״ת מגן גבורים, ער איז געווען בקי אין די חכמות. אויך געפינען מיר א געוויסן ר׳ ידידיה, רב אין ליפאנטו, איז געווען ״כליל החכמה והמדע אביר הרופאים״ (בנימין זאב סי׳ רצח).

57) ער איז געווען א תלמיד פונעם מהרח״ש. זיין קרוב איז ווארשיינליך געווען דער גרויסער פוסק ר׳ יהושע חנדאלי, אויך א תלמיד פון מהרח״ש (רוזאניס שפעקולירט אז ער האט געקענט חכמת הרפואה). ר׳ יהושע׳ס אייניקל, הרופא ר׳ יהודה חנדאלי, האט געדרוקט זיינע תשובות אונטער׳ן נאמען ׳פני יהושע׳ אינעם ספר ׳שני המאורות הגדולים׳. אנדערע דאקטוירים פון דער משפחה זענען געווען ר׳ אליהו אין קושטא און ר׳ יצחק אין סאלוניקי.

58) זיין איידעם איז געווען יוסף פילוסוף, דער לעצטער שווער פון שבתאי צבי. כאטש ער איז געווען א רב וגאון (זיין שווער ברענגט אים אין זיינע תשובות) איז ער שפעטער געווארן פון די גרויסע פירער פון די שבתאים און זיך געטויפט צו איסלאם.

59)אין א פריערדיגן קאפיטל האבן מיר דאס אביסל דערמאנט; מיר געפינען אזויפיל ווי 30 אפיציעלע הויף-דאקטוירים פארצייכנט. נאך דער פאטימישער דינאסטיע איז געווען די ׳איובישע׳ דינאסטיע, וועמענ׳ס גרינדער, דער בארימטער סולטאן ׳צלאח אל-דין׳, האט פארמאגט אזויפיל ווי אכט אידישע דאקטוירים, צווישן זיי דער רמב״ם. ביי די סוני רעאקציאנערן האט חכמה פארנומען א קלענערן ארט און האט דעריבער אויך משפיע געווען אויף די אידן אין זייער באצוג דערצו.

60) דער רייזנדער ר׳ משולם מוולטירה (רמא) דערמאנט ר׳ שלמה ב״ר יוסף הנגיד און ר׳ שמואל רופאי הסולטן. פילע אידישע און קרא׳ישע דאקטוירים האבן זיך געטויפט אנצוהאלטן זייער פאסטן אבער מיר טרעפן עטליכע וואס זענען געבליבן אידן. ׳אסאד היהודי׳ איז געווען אן אויגן-דאקטער און כירורג אין צוגאב צו א פילאזאף און חכם, ער האט געהיילט פילע פרינצן און שרים. צווישן זיינע פריינט איז געווען דער גרויסער מוסולמענישער בעל הלכה ׳אבן-תאימיאה׳ וועלכער איז באקאנט מיט זיין שטרענגן טראדיציאנאליזם. יהושע ן׳ שגיר דער רופא הסולטן איז געווען פון א קרא׳ישער משפחה פון דאקטוירים וואס פילע פון זיי האבן זיך געטויפט. ׳אל-סדיד אל-דמאטי׳ איז געווען אין צוגאב צו רופא הסולטן א פילאזאף, מאטעמאטיקער און משורר (אמיר מזור, אסד היהודי, ציון עז).

61) מיכאל וינטר, היהודים והמדינה במצרים העות׳מאנית, פעמים 70. ווען די טערקן האבן איבערגענומען האט דאס נגידות זיך אויפגעהערט, אבער געוויסע חשוב׳ע אידן האבן ווייטער פארנומען הויכע אמטן ביי די פאשאס פון מצרים אלס פינאנץ מיניסטארן און אנדערע באאמטע,

האבן געלעבט בליענדע אידישע קהילות פון "מוסתערבים" (אריגינעלע איינוואוינער) נאך בעפאר די גולי ספרד האבן דערגרייכט אהין. צווישן די רבני מצרים זענען בארימט די משפחת 'סכנדרי'. ר' יוסף סכנדרי און זיין זון ר' אברהם האבן געדינט אלס רבנים און דאקטוירים צוגלייך. ר' אברהמ'ס זון ר' אלעזר איז געווען דער דאקטער און פינאנץ מיניסטער פון גרויס-וויזיר סינאן פאשא, און דער אידישער פירער. נאכ'ן ווערן פארמישט אין דיפלאמאטישע אינטריגעס אין טראנסילוואניע איז ער ערמארדעט געווארן. זיין זון ר' אברהם איז געווען פון די גרעסטע רבני מצרים[62], א ראש ישיבה, פוסק און מקובל. בכלל טרעפן מיר פילע דאקטוירים וואס האבן פארנומען חשוב'ע ערטער אינעם קהילה לעבן. דער באקאנטסטער פון די דארטיגע גאונים איז געווען דער רדב"ז, ר' דוד בן זמרא (רלט-שלד), זיין בקיאות אין פילע חכמות דערקענט זיך אין זיינע טויזנטער תשובות.[63]

אין ארץ ישראל האט נאכ'ן גירוש אויפגעבליט א ריזיגע קהילה פון יוצאי ספרד, בפרט אין דער באקאנטער שטאט צפת. דארט האט געלעבט דער גרויסער מקובל ר' משה קורוביארו, דער רמ"ק (רפב-של), וועמענ'ס שיטה אין קבלה איז גאר טיף און האט געהאט א שטארקן איינפלוס אויף די שפעטערדיגע מקובלים. זיינע ספרים - וועלכע זענען כמעט אומגלויבליך מיט זייער צאל און טיפקייט - אנטהאלטן די יסודות פון חכמת הקבלה אוועקגעשטעלט אויף א סיסטעמאטישן גאנג, קאפירנדיג אסאך פונעם מהלך און תוכן פון די פילאזאפן, בפרט פונעם מורה נבוכים וואס ער ציטירט אסאך. כאטש ער נעמט נישט אן גאר אסאך פון די פילאזאפן, זייענדיג א מקובל, טוט ער אבער אין פילע פלעצער אויסלויבן זייער צוגאנג צו חקירה און טייל פון זייערע מסקנות ווי הרחקת הגשמות. אזוי אויך ברענגט ער אנדערע סארט חכמות, ווי אנאטאמיע און אסטראנאמיע, און זיין שיטת הקבלה ווערט באטראכט צו זיין דאס נענטסטע צו פילאזאפיע[64]. נאך אים האט אבער אויפגעשיינט דער שטערן פונעם אריז"ל (רצד-שלב) וועמענ'ס קבלה איז שוין פיל ווייניגער ראציאנאל, און האט איינגענומען די קבלה-וועלט אויף שטענדיג.

כאטש די מקובלים האבן אייביג אפגעווייכט פון חכמות חיצוניות, און בפרט די מקובלי צפת וועלכע זענען אין אלגעמיין שארף קעגן פילאזאפיע[65] - געפינען מיר דוקא צווישן דעם

וויצב"ש דער באקאנטער שר ר' אברהם קאסטרו. די אידישע רבנים זענען באטיטלט געווארן בלויז מיט'ן טיטל "דזשיליבי" (Chelebi, שר).

62) אין זיין גרויסער ביבליאטעק איז געזעסן דער היסטאריקער ר' יוסף סמברי וועמענ'ס ספרים זענען א וויכטיגער מקור פאר דער תקופה. ר' אלעזר'ס ברודער איז ר' יוסף מהר"י סכנדרי וואס ווערט ציטירט אין בית יוסף (טוב מצרים).

63) זע תולדות חכמי ירושלים ח"א פרק ד' עמ' 72 איבער זיין בקיאות אין אסטראנאמיע, טאפאגראפיע, באטאניקע און רפואה. אין זיין ספר 'מצודת דוד' אויף טעמי המצות ברענגט ער די שיטה פון רמב"ם אז מען דארף חוקר זיין באמונה, אבער אין אלגעמיין איז ער מער נוטה צו קבלה און ווייניגער צו חקירה, וואס דערקענט זיך פון וואס ער שרייבט אז עס זענען נישט פארהאן י"ג עיקרים נאר יעדער אות פון דער תורה איז וויכטיג (ובהקדמה למגדל דוד: "אמונות נפסדות חיצוניות הגריות יוניות אשר גרמו רעה לעולם"). ר' יצחק עקריש האט זיך אסאך געדרייט ביים רדב"ז, ער האט געדרוקט פילע היסטארישע ספרים און כתבי יד, צווישן זיי 'אגרת אל תהי כאבותיך' קעגן די נוצרים, שרייבנדיג אין דער הקדמה איבער די פילע ויכוחים וואס איז אים אויסגעקומען צו פירן מיט די נוצרים וישמעאלים. פון די גרעסטע רבנים אין מצרים איז געווען דער גאון ר' אברהם הלוי מח"ס 'גינת ורדים', זיין איידעם "רופא כל בשר" ר' חיים טאויל האט געלאזט דרוקן דעם ספר. איינער פון די גרויסע רבנים אין מצרים אין דער תקופה איז געווען ר' שמואל הלוי חכים (רמ-שז), וועמענ'ס תשובות ווערן געברענגט דורכ'ן בית יוסף און אנדערע גדולי הפוסקים בימיו, און לויט פרומקין (תולדות חכמי ירושלים חלק א ד) איז ער מעגליך געווען א דאקטער. זיין טאטע איז געווען פערזענליך נאנט מיט'ן מושל אין מצרים און האט גע'שתדל'ט פאר אידן.

64) זע יוסף בן-שלמה, יחסו של ר' משה קורדובירו לפילוסופיה ולמדעים, ספונות ו. הנ"ל, תורת האלוהות של ר' משה קורדובירו, תשכ"ה. זע אבער ברכה זק, בשערי הקבלה של ר' משה קורדובירו, אז עס איז אביסל איבערגעטריבן.

65) צום ביישפיל טרעפן מיר שארפע אויסדרוקן פון ר' משה אלשיך קעגן חכמות און פילאזאפיע (זע שמעון שלם, רבי משה אלשיך ושיטתו), ר' שלמה אלגזי אין זיינע ספרים, ר' שלמה אלקבץ אין פארשידענע פלעצער רעדט קעגן דעם, כאטש געוויסע פילאזאפישע געדאנקען זענען שוין געבליבן פארשפרייט אפילו ביי די מקובלים (זע ברכה זק, יחסו של ר' שלמה אלקבץ לחקירה הפילוסופית); זע צב"ש אין שורש ישי פון ר"ש אלקבץ (ב יב) א לאנגן דיון בדברי העקידה ומו"נ וואו ער ברענגט די 'חכמי הטבע', און אזוי אין נאך פלעצער. משה חלמיש (לאופי מעמדו של הרמב"ם בכתבי מקובלי צפת במאה הט"ז, דעת 64) ווייזט אן וויאזוי אלע ספרים אין דער תקופה ציטירן

ערשטן דור פון תלמידי האר״י אזעלכע וואס האבן עוסק געווען בחכמות. ר׳ ישראל סרוג, וועלכער איז ארומגעפארן איבער אייראפע פארשפרייטן די תורה פונעם אר״י, האט געקענט פילאזאפיע און פלעגט מסביר זיין קבלה עפ״י פילאזאפיע זאגנדיג אז באמת איז נישט דא קיין חילוק צווישן זיי. אפילו דער גרויסער תלמיד פונעם אר״י, ר׳ חיים ויטאל (שג-שפ), האט פאר א לאנגער תקופה שטודירט די חכמה פון אלכעמיע[66] און ברענגט אין זיינע ספרים ענייני פיזיק וואס ער האט דורכדעם באקענט[67]. אויך האט ער פארפאסט א ספר התכונה אויף אסטראנאמיע און א כתב יד אויף פארשידענע חכמות און מעדיצין[68]. זיין זון ר׳ שמואל ויטאל (שנח-תלז) האט געשריבן א ספר ׳תעלומות חכמה׳ אויף סגולות און רפואה און חכמת התכונה[69]. דער מקובל ורופא מובהק ר׳ יעקב צמח (-תכז) האט

פארשידענע ענינים פון רמב״ם און אנדערע אידישע חוקרים, וואס זענען ארגינעל באזירט אויף חקירה. מערקווירדיג איז דער ׳חרדים׳ פון ר׳ אלעזר אזקרי וועלכער ציטירט דעם לשון הרמב״ם אין הלכות דעות, אבער אנשטאט ״יסוד היסודות ועמוד החכמות״ זאגט ער יסוד היסודות ״ועיקר הכל״ לידע שיש שם מצוי וכו׳. ענליך איז דער לשון פון רמ״ק ״יסוד האמונה ועמוד העבודה״, ארויסברענגענדיג דעם אמונה געדאנק העכער דער חכמה און חקירה פונעם רמב״ם.

66) די ״חכמה״ פון אלכעמיע - וואס איז א געמיש פון פארשידענע אלט-פארצייטישע חכמות און איינרעדענישן, און זוכט צו פארשטיין די נאטור פון ׳חומר׳ און וויאזוי עס צו טוישן - איז געווען פארשפרייט אין די מיטל-אלטער יארן, אין טייל צווישן מקובלים וועלכע האבן געזען דערין אן ענליכקייט צו זייערע מיסטישע לערנונגען, און איז נאכמער פארשפרייט געווארן דורך די מיסטיש-גענייגטע רענעסאנס פארשער וועלכע האבן געזוכט צו פארשטיין די סודות פון דער בריאה. אפילו אזא רעספעקטירטער חכם ווי אייזיק ניוטאן האט אוועקגעגעבן יארן צו פארשן די חכמה. די היסטאריע פון אלכעמיע איז - פונקט ווי די חכמה אליין - פול מיט צווייפלהאפטיגע מעשיות. לויט קוועלער איז גאר די חכמה ערצייגט געווארן דורך אידן; מרים היהודייה, א פארשערין פון אלכסנדריה של מצרים, ווערט פאררעכנט אלס איינע פון די ערשטע אלכעמיקער אין די יארן פון נאכ׳ן חורבן. לויט דער לעגענדע איז ניקולאס פלעמל געווען דער איינציגסטער וואס האט מצליח געווען צו טוישן בליי צו גאלד נאכדעם וואס ער האט געטראפן דאס בוך פון אברהמ׳לין פון מצרים (א ספר אויף קבלה-מעשית און אלכעמיע), און מיט דער הילף פון אן אנדערן איד האט ער דאס באוויזן צו ליינען. די אלע זאכן זענען ווי פארשטענדליך ווייט פון קראנט.
דא איז אויך אינטערעסאנט צו דערמאנען די אלע אנדערע סארטן צווייפלהאפטיגע ״חכמות״ וואס זענען פארשפרייט געווארן ביי אידן אין די ארצות המזרח נאך גירוש שפאניע; אלע מיני באבסקע רפואות, לחשים, סגולות, קמיעות, השבעות, גורלות, חכמת הפרצוף, חכמת היד, אפשפרעכן עין הרע, חלומות, מזלות, כישוף און קבלה מעשית, וואס זענען איבערגעכאפט געווארן פון די אבערגלויביגע אראבער אין די מזרח לענדער. גאר אסאך ספרים׳לעך זענען פארפאסט געווארן איבער די און ענליכע חכמות, און זיי זענען געווען גאר פאפולער. איין בײשפיל איז די פאפולערע אנציקלאפעדיע ׳מדרש תלפיות׳ פון ר׳ אליהו הכהן פון איזמיר (תיט-תפט) וועלכער ברענגט פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות און חכמות, אין א געמיש פון סגולות און שמועות אינאיינעם מיט אמת׳ע ענייני הטבע פון אלטע און נייע מקורות, ווי נאטורן פון פארשידענע שטיינער, אנאטאמיע, בעלי-חיים, אסטראלאגיע ועוד צווישן ענייני מוסר, דרוש וקבלה. א געוויסער ר׳ משה בוטריל האט אפילו פארפאסט א ספר ׳עין משפט׳ (שכא) איבערצוטייטשן די צווייפלהאפטיגע ״נבואות״ פונעם בארימטן מיסטיקער נאסטערדאמאס (אליין אן אפשטאמיגער פון אידן, רסג-שכו). מיר וועלן נישט פארברייטערן איבער די ענינים אבער עס איז באמערקנסווערד צוליב זייער נאנטן שייכות און צוזאמענארבעט מיט די אלגעמיינע איינרעדענישן וואס זענען געווען פארשפרייט ביי די ארטיגע פעלקער.

67) אין ספר הברית באוואונדערט ער וויאזוי ר׳ חיים ויטאל האט שוין געוואוסט פונעם סוד אז לופט האט וואג - נאך פאר די חכמי האומות. באמת ווייזט דאס וויאזוי רח״ו איז געווען באהאוונט אין די לעצטיגע ערפינדונגען פון סייענס, וואס גאלילעא האט נארוואס אנטדעקט דעם פאקט אין יענער תקופה.

68) זע יעל בוכמן, פנקס המרשמים של רבי חיים ויטאל. אין דעם ספר איז פארהאן אן אויסוואל פון פארשידענע ערליי חכמות ווי קבלה מעשית, סגולות און קמיעות, רפואות און טעכנאלאגישע מיטלען און פראקטישע אנווייזונגען צו ערצייגן שטוב זאכן, און אלכעמיע, אין וואס רח״ו האט עוסק געווען אין זיין יוגנט און אויך שפעטער בסוף ימיו. ער ציטירט פילע אידישע חכמים און זייערע מקורות, זייט-ביי-זייט מיט אייגענער ערפארונג. אין ספר התכונה ווערן ציטירט פילע אסטראנאמישע ביכער.

69) איינער פון די באקאנטע תלמידים פון רח״ו איז געווען ר׳ אפרים פאנציירי פון דמשק, א גרויסער גאון ומקובל און גלייכצייטיג א דאקטער. גאנץ לעצטנס איז אנטדעקט געווארן אין צפת דער קבר פון הגאון המקובל ר׳ יהושע ן׳ נון מתלמידי ר׳ חיים ויטאל וואס האט געהאלפן פארשפרייטן זיינע כתבים, אין וועלכן ער ווערט באטיטלט אלס ״הרופא המובהק״ (מחקרים חדשים של הגליל, ספר שני עמ׳ 234). אן אנדערע מצבה וואס איז געפונען געווארן איז פון ״הרופא המובהק״ ר׳ אברהם ן׳ עזרא, וואס איז געווען דער רופא העיר צפת בימי הב״י. אן אנדערער באקאנטער תלמיד פון רח״ו איז דער גאון ר׳ חייא רופא פון די רבני צפת, וועלכער האט נאך געלערנט פונעם אריז״ל אליין, און לויט געוויסע איז ער מעגליך געווען א דאקטער און מיר טרעפן אים עוסק זיין אין אנגרייטן רפואות (א׳ דוידסון, חכמי צפת בין השנים 1540-1615; מעמדם הדתי והחברתי).





ספר
התכונה



געשטאמט פון די אנוסים און האט שטודירט אין זיין יוגנט די חכמות, ער איז געווען דער דאקטער פונעם הערשער אין צפת. דער גאון ר' אליעזר בן ארחא, דער רב פון חברון, איז געווען א זון פון א תלמיד האר"י, ער איז געווען א רופא מובהק און דאקטער פונעם ארטיגן הערשער. אין חברון האט געלעבט דער מקובל ר' אברהם אזולאי (של-תד) בעל 'חסד לאברהם', זיידע פונעם חיד"א, וועלכער פארציילט וויאזוי ער האט יונגערהייט אין מאראקא געלערנט פילאזאפיע אינאיינעם מיט קבלה, אזויווי די וואס האלטן אז מען דארף נישט אפווארפן פילאזאפיע אינגאנצן. שפעטער האט ער זיך דערווייטערט פון פילאזאפיע, אבער ער ברענגט נאך אין זיינע ספרים פילע ענייני חכמה וחקירה, בפרט אין זיין ספר 'בעלי ברית אברם'.[70]

די מקובלים האבן איינגעפירט פארשידענע צוזאמקומען באגלייט מיט שירה און געזאנג, ווצב"ש קבלת שבת און תיקון חצות. צו דעם צוועק האבן זיי פארפאסט גאר הארציגע פיוטים פול מיט רגש און אויסדרוקן פון ליבשאפט צו דער שכינה[71]. עס זענען באקאנט די שירים פון אריז"ל אויף שבת[72], 'לכה דודי' פון ר' שלמה אלקבץ, און 'ידיד נפש' פון ר' אלעזר אזקרי. מער פון זיי האט געטון דער בארימטער משורר ר' ישראל נג'ארה (א זון פון א תלמיד האר"י), וועלכער האט פארפאסט זיינע שירים אויפ'ן טאן פון די טערקישע מוזיק, צושרייבנדיג ביי יעדן שיר מיט וועלכן ניגון עס קומט צו געזינגען ווערן. זיינע שירים דריקן אויס טיפע אהבה געפילן צו דער שכינה, בארגנדיג אפילו די טערקישע ווערטער פון ליבשאפט וועלכע ער דרייט קינצליך אויס צו לשון הקודש.[73]

70) זע אין הקדמה צו חסד לאברהם וואו ער פארציילט איבער זיין לערנען חכמות אין דער יוגנט. אין בעלי ברית אברם ברענגט ער אסאך די ספרי פילוסופיה ורפואה ותכונה, פון די ראשונים און פון אריסטו און אל-גאזאלי וכדו'.

71) עס זענען דא וואס זעען אין דעם אן ענליכקייט צו די טערקישע סופי מיסטיקער וואס פראקטיצירן א פארעם פון דביקות און חשק צו גאט דורך טאנצן און זינגען שירי אהבה. זע אויך אין ראשית חכמה שער האהבה פרק ד' איבער די "פרושים" וואס קען מיינען די סופיים.

72) דער אריז"ל האט אבער נישט געהאלטן פון די פיוטים וואס זענען פארפאסט געווארן דורך די משוררי ספרד וואס זענען פול מיט פילאזאפישע געדאנקען (שער הכוונות), בפרט דעם שיר 'יגדל' וואס איז געבויט אויף די י"ג עיקרים. טייל זעען דאס אלס קעגנערשאפט צום ענין פון י"ג עיקרים וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט ע"ד חקירה.

73) זע יוסף יהלום, שירה עברית מיסטית והרקע התורכי שלה, תרביץ ס. הנ"ל, ר' ישראל נג'ארה, פעמים יג. ער שרייבט אז עס איז נישט אמת אז דער אריז"ל האט זיך אויסגעדריקט אז ער האט נשמת דוד המלך וויבאלד ער איז געווען פיל יונגער, אבער זיינע שירים זענען באטראכט געווארן אלס חלק פון די מנהגי האר"י.

די לידער, "מיוסדים על אדני אופני ניגוני ערב ותוגרמה", זענען ווארשיינליך געווען באקאנט ביים פאלק; מיר געפינען אים זיך באניצן מיט 150 טערקישע לידער, 60 אראבישע, און 30 שפאנישע, וואס דאס אלץ האט ער געגלויבט וועט יעדער קענען! (חנוך אבנארי, השיר הנכרי


זמירות ישראל




ספר
בית אלהים
ווארשא

פון די באקאנטע גאוני צפת איז געווען דער גאון ר' משה טראני, דער מבי"ט (רסה-שמה). אין זיין ספר 'בית אלקים' האט ער א באזונדערע אפטיילונג מיט'ן נאמען 'שער היסודות' וואו ער טוט באריכות אראפברענגען די ענייני חקירה פון מורה נבוכים און ספר העיקרים, און שמועסט אויס זייער מהלך אז עס איז א מצוה צו חוקר זיין די עיקרי אמונה. ערווארפט דאס נישט אפ אינגאנצן, נאר פארבאט אריינצוגיין צו טיף דערין. אין ירושלים האט געוואוינט דער גרויסער גאון ר' לוי ן' חביב (רמ-שא) פון די יוצאי ספרד, מחבר פון שו"ת מהרל"ח, וועלכער האט גוט געקענט פילע חכמות ווי אסטראנאמיע און חשבון און האט פארפאסט א פירוש אויף הלכות קידוש החודש להרמב"ם.[74]

דער גאון ר' ישראל יעקב חאגיז (שפ-תלד), מחבר פון 'הלכות קטנות' און אנדערע באקאנטע ספרים, איז געבוירן אין מאראקא און אויפגעוואקסן אין איטאליע. זייענדיג אין ליווארנא (איטאליע) האט ער באטראכט די ארטיגע תלמוד תורה מיט איר מייסטערהאפטיגן סדר, א זאך וואס איז געווען א חידוש בימיו, און ער האט דערנאך אויפגעשטעלט א ישיבה אין ירושלים מיט אן ענליכן סדר פון כיתות און א באשטימטן סדר הלימוד וואס האט אריינגענומען חשבון און לשונות לעז - אזוי פארציילט זיין מחותן, דער רופא מובהק און חכם וגאון ר' רפאל מרדכי מלכי[75], וועלכער האט שפעטער פרובירט דאס נאכאמאל איינצופירן. ר' רפאל'ס איידעם - און זון פון ר"י חגיז - איז געווען דער גאון ומקובל און באקאנטער לוחם קעגן שבתאות ר' משה חגיז (תלב-תקי) מחבר פון 'משנת חכמים', וועלכער האט גערעדט עטליכע שפראכן און האט פארמאגט א ברייטע ידיעה בחכמות העולם. אין די יארן וואס ער האט זיך אויפגעהאלטן אין אמסטערדאם האט ער פארפירט שמועסן מיט דעם העברעאיסט קריסטיאן וואלף וועם ער ברענגט אין זיין ספר. ער שמועסט דארט אויס די וויכטיגקייט פון קענען די חכמות חיצוניות, און אפילו חקירה, צו האבן

כמקור השפעה לישראל נג'ארה)
זיין סטיל פון ניצן לשונות של חשק אין שירי קודש (און אזוי אויך ניצן ווערטער-שפילן אין די שירים וואס האבן א באדייט סיי אין לשה"ק און סיי אין טערקיש) האט אויסגערופן אויפברויז פון ר' מנחם די לונזאנו פאר'ן "פארשוועכן די תפילות", כאטש די גוי'אישע ניגונים שטערט אים נישט און ער אליין פלעגט דאס אויך טון. אויך ר' חיים ויטאל טוט אים מיאוס אראפרייסן אין זיין 'ספר החזיונות'.

74) ר' לוי דערמאנט די מחלוקת המקובלים והפילוסופים לגבי גלגול און האלט זיך נייטראל (שו"ת מהרלב"ח סי' ח). ער האט זיך גע'שמד'ט באונס אלס קינד, און דער פאקט איז דערמאנט געווארן דורכאויס דעם פולמוס הסמיכה מיט מהר"י בירב, וועלכער אנערקענט אבער ר' לוי'ס גרויסקייט בעניני חכמה. זע אויך א' דוד, דרושיו של רבי לוי אבן חביב, קרית ספר 61 וואו ער ברענגט ענייני מחקר. זיין טאטע איז געווען דער גרויסער גאון ר' יעקב ן' חביב, מחבר פונעם באקאנטן 'עין יעקב'. ר' יעקב האט נישט געהאלטן פון חקירה, ער רייסט אראפ די אידישע פילאזאפן און האלט בכלל נישט אז עס זענען פארהאן עיקרים אין דער תורה, א זאך וואס שמעקט פון חקירה (הכותב בע"י מגילה ב:). זע יוסף הקר, ר' יעקב ן' חביב, לדמותה של ההנהגה היהודית בשאלוניקי בראשית המאה הט"ז.

75) ת-תסב. ער איז לכאורה אויפגעוואקסן אלס אנוס און שטודירט אין אוניווערזיטעט. ער איז געווען א גרויסער חכם און רופא מומחה, אן אסטראנאמער און פילאזאף און קענער פון פילע חכמות. ער האט געקענט אסאך שפראכן און זיך געהאלטן נאנט מיט די מוסולמענישע און קריסטליכע פירער אין ירושלים פון וועם ער האט פרובירט אפצולערנען וויאזוי צו פארבעסערן דאס אידישע קהילה לעבן. חוץ פון זיינע 2 בארימטע איידעמער איז ער אויך געווען דער טאטע פון הגאון ר' עזרא מלכי פון סאלוניקי. (אליעזר ריבלין, לקוטים מפירוש על התורה מאת ר' רפאל מרדכי מלכי. זע עמ' 44 איבער דער ישיבה. צווישן זיינע פארשלאגן איז געווען צו מאכן ניתוחי מתים פאר אומבאשטימטע טויטן).







ספר
משנת חכמים
חלק ראשון · תם שני שבראשון · מלקט הקטה · זה יצא ראשונה:
להבין אמרי בינה:
ברוך שבחר בהם ובמשנתם · סחרה ואתגנה:

קדש לה'
זו נשמת חסידים
אז ראה ויספרה · ולמה לי סניגא:
ברוך ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם:

נדפס בק"ק וואנזיבעק יע"א
בבית המדפיס ה"ה ישראל בר אברהם ז"ל:
בשנת פיה פתחה בחכמה לפ"ק:


לקוטים
מפרוש על התורה, כתב יד־קדשו
רבי רפאל מרדכי מלכי ז"ל
רב ורופא בירושלם, באמצע המאה ההמשית לאלף הנוכחי
מחברת א
כוללת:
מאמרים הנוגעים לתולדות ארץ ישראל
נעתקו ונלקטו מכתב היד ויוצאים לאור עם הערות,
הארות, מבוא ותולדות הרר"מ מלכי
בידי
אליעזר בה"ר בנימין ריבלין
איש ירושלם.
דפוס בלובין, ירושלם תרפ"ג.

א שטערקערע אמונה.[76] ר' רפאל מרדכי איז אויך געווען דער שווער פון הגאון ר' חזקיהו די סילוה בעל 'פרי חדש', וועמענ'ס זון, ר' דוד די סילוה (תמד-תק), איז ווי זיין זיידע געווען א רב און דאקטער אין ירושלים און האט פארפאסט א ספר אויף חכמת הרפואה.[77]

אנדערע דאקטוירים וואס האבן געוואוינט אין ירושלים זענען געווען ר' דוד ן' שושן (רפב-רצו), דער ראש ישיבה און דיין פון דער ספרד'ישער קהילה נאכ'ן גירוש.[78] אינעם ספר 'חרבות ירושלים' - וואס דערציילט די צרות וואס די אידן האבן מיטגעמאכט בשנת שפא דורכ'ן ארטיגן הערשער וועלכער האט ארעסטירט פילע חשוב'ע אידן אין שפיץ פונעם של"ה - ווערן דערמאנט עטליכע דאקטוירים פון די חשובי העדה: ר' יעקב אבוהב, ר' יעקב בן עמרם דער פרנס הקהילה, ר' שמואל הלוי וועלכער איז געווען דער דאקטער פונעם ארטיגן פאשא און האט געשתדל'ט ביי אים, און נאך. אין די שטאטישע דאקומענטן ווערן דערמאנט נאך פילע דאקטוירים, טייל פון זיי זענען געקומען פון אויסלאנד, און זיי האבן באדינט אויך די אנדערע רעליגיעס און זענען געווען פון די נכבדי העדה. זיי זענען געגאנגען מיט א ספעציעלן לבוש און רויטן הוט, און די רייזנדע לויבן זיי אויס פאר זייערע קענטעניסן.[79] אידישע רייזנדע קיין סיריע דערמאנען הרופא ר' יצחק חבר, וואס פלעגט פארלערנען רמב"ם און פלעגט אויסשטעלן א לוח יעדעס יאר און שיקן קיין צפת.

***

אין קומענדיגן קאפיטל וועלן מיר באטראכטן די קהילות פון יוצאי ספרד וואס האבן זיך באזעצט אין מערב אייראפע; די גלארייכע קהילות פון אמסטערדאם, האמבורג, לאנדאן און נאך - בעפאר מיר דרייען זיך ענדליך צוריק צו די בני אשכנז ופולין אין קומענדיגע ארטיקלען.

76) משנת חכמים סי' קיד, עיי"ש באריכות (ולקט הקמח אבות ג). דארט אין דער הקדמה ברענגט ער א ווארט פונעם קריסטליכן געלערנטן 'וואלף' (וואלף ברענגט אים אויך אין זיין בוך). זע סי' תרכז זיין בקיאות אין היסטאריע.

77) דער ספר, 'פרי מגדים', איז א שטיקל אנציקלאפעדיע אויף פילע חכמות. ער האט באקומען זיין דאקטאראט אויף מעדיצין אינעם אוניווערזיטעט אין ליידן, האלאנד. צו דעם האט אים געהאלפן צוגרייטן דער דאקטער משה אורוביו פון אמסטערדאם (גליליאו 118).

78) אין שו"ת אבקת רוכל להב"י סי' לד שרייבט דער גאון ר אברהם טריווש צרפתי (איטאליע-א"י, רל-שיב, מחבר פון ברכת אברהם) "והנני הולך להתעסק ברפואת חולה", וואס דערפון איז משמע אז ער האט אויך עוסק געווען אין דאקטעריי.

79) זהר עמר ויעל בוכמן, צוהר לעולמם של רופאים ומרפאים יהודים בארץ ישראל העות'מאנית, גליליאו 118. אויך אידישע שפיטעלער געפינען מיר אין ירושלים, זע **Miri Shefer, Poverty and charity in middle eastern contexts**. אן אינטערעסאנטן פאל געפינען מיר מיט א ירושלימ'ער געבוירענעם 'שמואל ויוואס' (שיג-שפא) וואס האט געלערנט תורה אין קבלה אין צפת, שפעטער איז ער געווארן א דאקטער ביים סולטאן אין טערקיי פאר 16 יאר, און דערנאך איז ער געווארן א קריסט אין רוים און האט געדינט אלס הויפט צענזאר איבער די אידישע ספרים.

כִּי שִׂפְתֵי כֹהֵן יִשְׁמְרוּ דַעַת וְתוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ

# פרעג דעם רב



א רעגולערע קאלום פון שו"ת בענייני הלכה מיט הרה"ג
ר' **יששכר כ"ץ** ראש מחלקת התלמוד בישיבת חובבי תורה

צו פרעגן א שאלה פון הרב כ"ץ שיקט אן אימעיל צו: chvalyes1+asktherav@gmail.com

## שאלה:

שלום וברכה כבוד הרב,

אין די גאסן איז לעצטנס פארשפרייט געווארן א קול קורא אנטקעגן microblading וואס דאס איז אזא סארט לאנג-טערמיניגער eyeliner וואס מען מאכט פאר קאסמעטישע סיבות. לויט די רבנים איז דאס א חשש פון "כתובת קעקע".

איז דאס טאקע אזוי?

## תשובה:

דער אמת איז, יראתי בפצותי שיח; ס'כאפט מיר אן א שטיקל פחד צו נעמען א שטעלע אין א שאלה וואס די גאוני קמאי פונעם פריערדיגן דור האבן דן געווען לאורך ולרוחב. פונדעסטוועגן, תורה היא וללמוד אנו צריכים, און דעריבער וועל איך ענטפערן די שאלה בקיצור נמרץ, ויהי רצון שלא איכשל בדבר הלכה.

לגופו של עניין, לענ"ד האט די שאלה צוויי חלקים:



### איז עס מותר ע"פ הלכה?

עס ווענדט זיך וואס פינקטליך די שאלה איז. אויב די שאלה איז: איז דאס אויסדריקליך מותר לכולי עלמא? איז דער ענטפער, ווי די גדולים פון פריערדיגן דור האבן געשריבן, אז ניין. ס'זענען דא שטארקע גרונדן פארוואס צו אסר'ן לויט א חלק ניכר פון די פוסקים.

מצד שני, אויב די שאלה איז: אויב פאר איינעם איז זייער וויכטיג צו טון די פראצעדור,

מחמת איזו סיבה שתהיה, איז דא אויף ווער זיך צו פארלאזן? דאן איז די תשובה אז יא. לויט אסאך פוסקים קען מען זיך פארלאזן להיתר.

בקיצור ממש, אט זענען די סיבות להתיר:

א) לויט אסאך פוסקים איז דער איסור "כתובת קעקע" נאר חל אויף אותיות און ווערטער (טייל זאגן צוויי אותיות, און אנדערע זענען מחמיר אז אפילו איינס איז אסור). און אפילו די וואס זענען חולק און אסר'ן אפילו נישט קיין אותיות, פונדעסטוועגן איז דאס נאר אסור אויב דער קעקוע האט עפעס א משמעות, א געוויסע צורה. אפאר שורות איבער די אויגן איז נישט קיין פראבלעם.

ב) לויט אסאך פון די גדולי הראשונים איז א כתובת קעקע אסור נאר ווען עס בלייבט אויף אייביג; אויב ווערט דאס אליין אויסגעמעקט מיט דער צייט, איז עס נישט אסור.

ג) אויב מאכט מען דעם קעקוע פאר א ספעציפישער סיבה און די כוונה איז באקאנט פאר יעדן, צום ביישפיל אין אונזער פאל וואס די מטרה איז קלאר אז ס'איז לשם נוי ויופי, איז עס נישט אסור.

דעריבער, לויט די אויבנדערמאנטע, איז ווי איך האב געזאגט אין אנהייב: איז עס מותר לכולי עלמא? ניין. אסאך פוסקים זענען חולק אויף די דערמאנטע היתרים. לשיטתם איז יעדער סארט קעקוע אסור, אפילו אויב ס'האט נישט קיין שום צורה, און אפילו אויב ס'בלייבט נישט אויף אייביג.

פון דער אנדערער זייט, האט איינער וואס זוכט א צד להתיר אויף וועם זיך סומך צו זיין? אויסדריקליך יא. ס'איז דא אויף וועם זיך צו פארלאזן.

כ'וועל נאר צולייגן אז אויב מעגליך איז בעסער צו ניצן א נישט-אידישן קאסמעטיקער. דאס העלפט פארמינערן די חששות לאיסור.

## זאל מען דאס טון?

א שאלה האט אלעמאל צוויי חלקים: צי מען מעג און צי מען זאל.

אפילו ווען עפעס איז מותר לגמרי קענען זיין פארשידענע גוטע סיבות פארוואס מענטשן זאלן זיך פארט מונע זיין דערפון.

יעדער פוסק קען פסק'ענען אויפ'ן ערשטן חלק - צי מ'מעג אדער נישט. מאידך גיסא, דער צווייטער חלק, צי מ'זאל אדער נישט, דאס איז א שאלה וואס ווערט דאס בעסטע געענטפערט דורך די לאקאלע פוסקים, וואס קענען די נבכי הקהילה, און פארשטייען וואס איז גוט פאר דער קהילה באותה שעה ובאותו זמן.

אני הצעיר פיל זייער באקוועם צו ענטפערן פאר'ן חרדי'שן שואל דעם ערשטן חלק; אבער אויפ'ן צווייטן חלק פיל איך נישט קוואליפיצירט צו ענטפערן, ווייל איך וואוין נישט אין דער קהילה וואו די שאלה ווערט דעבאטירט. דערפאר מוז איך איבערלאזן דעם חלק פאר די פוסקי המקום - להם נאה להחליט.

נ.ב. דא איז נישט דער פלאץ, אבער אויב איינער איז אינטערעסירט אין א רייע מראי מקומות אויף וואס מיין ענטפער איז באזירט, שיקט מיר אן אימעיל און איך וועל זיי גערן מיטיילן.

# פרנסה

## דער טונקעלער, אָן גאַל*



איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט וועגן אונזער קליינשטעטלדיקן ייִדן פון סוכאָוואָליע, וואָס מען האָט אים גערופן ר׳ צום־גדליהו. ״רעבּ״ האָט מען אים גערופן נישט ווייל ער איז געווען אַ למדן און אַ תּלמיד־חכם; אַדרבּא, געווען איז ער, נעבּעך, אַ גרויסער עם־הארץ, וואָס האָט קוים געקענט אַ שייטל עברי - נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ הויכן למדנישן שטערן, אַ גרויסן בּויך און אַ הדרת־פּנימדיקע בּאָרד. ״צום״ האָט מען אים צוגעגעבּן צו זיין נאָמען גדליהו, ווייל ער איז נעבעך געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און פלעגט אָפטער פאַסטן, נישט אַזוי פון צדקות, נאָר פּשוט, ווייל עס איז נישט געווען וואָס צו עסן.

אַי, ווי קומט צו אַן אָרעמאַן אַ קבּצן אַזאַ גרויסער בּויך? - אויף דער פראַגע האָט דאָס שטעטל זיך געבּראָכן דעם קאָפּ; אָבּער ר׳ צום גדליהו אַליין האָט עס דערקלערט פּשוט: אַז דאָס איז אַזאַ גזע, אַזאַ ״פּאָראָדע״, הייסט עס, אַ ירושה־זאַך. זיין טאַטע, זיין זיידע און זיינע פעטערס האָבּן אויך געהאַט דיקע בּייכער און בּרייטע בּערד, הגם זיי זענען געווען גרויסע קבּצנים.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער דיקער בּויך און די שיינע, בּרייט־בּאַזילבּערטע בּאָרד זאָל אים פאַרשאַפן גרויס נחת און פּרנסה. אַוודאי קאָן מען מיט אַזעלכע צוויי אָנזעעוודיקע זאַכן ווערן אַ פּרנס, אָדער אַ בּכּבודיקער מענטש, ווי אַ גבּאי, אָדער אַ רב - אָבּער, וואָס קאָן ער, אַ פּראָסטער ייִד, אַן עם־הארץ, אויפטון מיט אַזאַ בּויך און אַזאַ שיינער בּאָרד? זאָל ער ווערן אַ טרעגער מיט אַ שטריק איבּער די לענדן? צי אַ בּאַהעלפער, צי אַן אונטער־שמש? ס׳איז דאָך פּשוט אַ חוזק...

עס איז גענוג חרפּה און בּושת־פּנים, אַז מיט אַזאַ בּויך און אַזאַ שיינער בּאָרד, קיין עין־הרע, אַ מענטש - אַ גידול, אַן ״אָסאָבּע״, דאַרף שטיין אין בּית־המדרש, הינטערן בּאַלעמער און נישט בּיי

---

* ״דער טונקעלער״ איז א פען-נאמען באניצט דורך יוסף טונקל (תרמ״א-תש״ט), א בארימטער אידישער הומאריסט און פאעט פון פוילן און שפעטער אין אמעריקע. צומאל האט ער אויך געשריבן אונטער׳ן פען-נאמען ״חושך״ אדער ״אנדרוגינוס״. דאס ביכל ״אן גאל״ איז געווארן פובליצירט אין ווארשע תרצ״ט, הארט בעפאר די נאציס האבן אינוואדירט פוילן.

דער מזרח־וואַנט, צווישן די שיינע בעלי־הבתּים. נאָר וואָס קאָן ער זיך העלפן, אַז גאָט האָט אים נישט געשענקט, נישט קיין געלט און נישט קיין תּורה...

- ניין! - האָט ער געטענהט - מיט אַזעלכע "כלים" וועל איך אין שטעטל דאָ אויסגיין פון הונגער. איך מוז אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, ווו קיינער קען מיך נישט. מיט אַזאַ בויך און מיט אַזאַ באָרד וועל איך אין גרויסן כרך נישט פאַרפאַלן ווערן. גאָט וועט מיר דאָרט שוין צושיקן עפּעס אַ פּרנסה.

און כך הוה - אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ר' צום־גדליהו פלוצלינג עוקר געווען פון סוכאָוואָליע, איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן און נעלם געוואָרן פון סוכאָוואָליער האָריזאָנט.

***



דאָ נישט לאַנג האָבן מיך מיינע געשעפטן פאַרטראָגן קיין וואַרשע. גייענדיק אַזוי אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס, האָט זיך מיר אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַ קענטלעכער פּאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען טיף אין טויער אין האַלב־שאָטן. איך האָב אים דערקענט אין דער ברייטער באָרד מיטן הויכן, אָפענעם שטערן. דאָס איז געווען מיין בן־עיר, ר' צום־גדליהו, וואָס איז אַוועק פון שטעטל און מען האָט נישט געוווסט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

ער איז געשטאַנען האָפערדיק, יום־טובדיק, אויסגעפּוצט אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט אַ ספּאָדעק אויפן קאָפּ, ווי אַ חסידישער מחותן אויף דער חתונה פון זיין מיזינקע.

- שלום־עליכם. דוכט זיך, ר' צום־גדליהו פון סוכאָוואָליע?!

- אַבּי איר האָט געטראָפן. איך מיט מיין פּאַרשוינלעכקייט.

- טאָ וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס?

- וואָס זאָל מען מאַכן? אָט מען שטייט.

- וואָס הייסט, מען שטייט? וואָס, אַ שטייגער, שטייט איר דאָ אויס?

- אָט, מען שטייט אויף דער פּרנסה.

- וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ פּרנסה?

- צוליב פּרנסה, שטייט מען.

- צוליב פּרנסה שטייט איר?

- געוויס.

- טאָ רעדט־זשע קלאָרע דיבורים. דערקלערט מיר, וואָס אַזוינס איז אייער פּרנסה?

- אַזוי? איר ווילט וויסן גענוי? טאָ הערט זיך איין, וועל איך אייך דערקלערן. אָט, איר זעט דאָרטן אַ שילד? - האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער טיף אין הויף אַריין אויף אַ בלויער אויפשריפט אויף אַ פאַרזשאַווערטער בלעך.

איך האָב איבערגעלייענט:

> טערקיש שוויץ־באָד, מיט קאַלט, הייס
> און לעבלעך וואַסער.
> פאַרע גדולה, אויבערשטע באַנק מיט
> נאַסע און טרוקענע היץ.
> באַנקעס—געהאַקטע און טריקענע,
> שלאָגן־צום־אָדער, פּיאַווקעס שטעלן.
> הינער־אויגן־שניידן, בלוט־לאָזן וכו' וכו'.

- זענט איר, הייסט עס, געוואָרן אַ בעדער, אַ שמייסער?

- חס־וחלילה! פּאַסט דען פאַר מיר צו זיין אַ באָד־יונג? פאַר אַזאַ פּאַרשוין, ווי איך? נאָר וואָס דען? די מקוה. איר זעט אָט יענע מקוה?

- נו, איז וואָס? זענט איר געוואָרן אַ טוקער אָדער אַ טוקערין?

- נישט קיין טוקער און אַוודאי נישט קיין טוקערין. אלא וואָס דען? די מעשה איז אַזוי: עס איז אַ מנהג און אַ דין אַז אַ ווייבל גייט פון מקוה נאָך טבילה, מוז זי זען, אַז דאָס ערשטע באַשעפעניש, וואָס זי טרעפט ביים אַרויסגיין, זאָל זיין אַ מאַנספּערשוין. אָט דער מאַנספּערשוין דאַרף זיין אַ העלד און אַ "קראַסאַווענץ", אויף ווען צו פאַרקוקן זיך, און אָנצווירן אים, כדי צו האָבן שיינע קינדער, שיינע יידן. און ווו ווערט דער בעדער נעמען נאָך אַ שענערן פּאַרשוין פון מיר, מיט אַזאַ הדרת־פּנים, ווי איך? האָט ער מיר געקויפט אָט דעם אַטלעסענעם סורדוט, מיט אָט דער בלוי־סאַמעטענער יאַרמולקע, מיט דעם סויבלנעם ספּאָדעק, מיט דער גאַרטל, און איך שטיי מיר דאָ אויף דער וואַך, ווי אַ מיניסטער פאַר אַ קייסער. גייען די ווייבער פאַרביי און

קלייבן נחת פון מיר; די שכינה רוט אויף מיר, אין מיין פנים נישט אַריינצוקוקן. וואָרום, ווי לאַנג קרענקען מיינע שונאים, ווי לאַנג מען וועט נאָך נישט געפינען אַזאַ בילד־שיינעם פאַרשוין, ווי איך בין, אין גאַנץ וואַרשע... אַ מכה האָט מען געוווסט ביי אונז אין שטעטל, ווי מיך אָפּצושאַצן. אָבער דאָ האָט מען מיך פאַרצוקערט... אט האָב איך מיר דאָ פרנסה בשפע. אמת, ס'איז נישט אַזאַ גרינגע פרנסה, ווי מען מיינט. מען דאַרף שטיין אויף די פיס, מען דאַרף גוט אַכטונג געבן, אַז קיין אשה זאָל נישט דורכגיין אַזוי, אומבאַמערקט. און נאָך דאַרף איך זען אַז קיין ערל טמא זאָל זיך דערוויילנישט אונטעררוקן. וואָרום, אַז די אשה, וואָס גייט אַרויס פון מקוה, וועט ח"ו דערזען אַן ערל, איז די טבילה פסול, און זי דאַרף ווידעראַמאָל גיין זיך טובל זיין. דאַרף איך זען, אַז קיין ערל זאָל דאָ דערביי נישט זיין. און טאָמער צופעליק רוקט זיך אונטער אַן ערל, דאַרף איך צוגיין צו אים און איינבעטן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

- פראָשען פּאַנאַ - זאָג איך צום ערל - טו קאָביעטי כאָדזשען איז וואָדי (דאָ גייען ווייבער פון וואַסער), טאָ אָנע מושיאָן פּאַטשיטש נאַמניע, אַ ניע נא פּאַנאַ (מוזן זיי קוקן אויף מיר און נישט אויף אייך). יעזעלי אָנע זאָבאַטשאָן פּאַנאַ, טאָ טבילה בענדזשע פסול (אויב זיי וועלן דערזען אייך, וועט די טבילה זיין פסול)...

דער ערל, געוויינלעך, שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר גרויסע אויגן, שפּייט אויס: וואַריאַט! (משוגענער) און גייט אַוועק.

דאַן מוז איך אויך אַכטונג געבן, אַז קיין הונט און קיין חזיר און קיין אַנדערע מיני חיות און בהמות זאָלן נישט אָנגיין אַהער בשעת־מעשה. דאַרף איך שטיין און זיי אָפּטרייבן, פאַרלויפן זיי דעם וועג, כּדי די ייִדענע זאָל מיך דערזען פריער פאַרן חזיר, אָדער פאַרן הונט.

- אַ פּשיק! - האָט ער אויסגעשריגן און זיך געוואָרפן אויף אַ קאָטער, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן - אַ פּשיק! נישט אויסצוהאַלטן פון די קעץ מיט די קאָטערס!...

פאַרטריבן דעם קאָטער מיט דער פּאָלע, האָט ער זיך אומגעקערט צו מיר און פאַרענדיקט:

- איז אָט אַזוי שטיי איך מיר דאָ... ווייבער גייען פון מקוה, רוקן זיי מיר אַריין אַ פּאָר גראָשן, האָב איך אויף דער הוצאה. די קליידער מאַכט מיר דער בעל־הבית פון באָד אויף זיין חשבון; וואָרום דאָס איז דאָך דאָס געצייג, ער מוז דאָך מיר געבן געצייג, עס זאָל אויסזען לייטיש; עס זאָל זיין אויף וועמען צו קוקן. איז, וואָס־זשע מיינט איר? אַ כּפּרה אַלע בעדער, אויב זיי האָבן אַזאַ פאַרשוין, ווי איך. לויפן טאַקע אַלע ווייבער צו אונז אין מקוה און מיין בעל־הבית שאַרט גאָלד מיט דער לאָפּעטע, און איך שעפּ נחת דערפון און אויך פרנסה, אויף אַלע שיינע ייִדן געזאָגט געוואָרן... שאַ... מען גייט שוין... האָט נישט קיין פאַראיבל... עס גייען שוין ווייבער... מען מוז זיך שטעלן אויף דער וואַך... סטאַטעטשנע, לייטיש...

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר, זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס, אויסגעשטעלט דעם בויך, אַ גראַבל געטון די ברייטע באָרד מיט די פינגער און זיך אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, פול חשיבות און שטאָלץ; מיטן גאַנצן באַוווסטזיין פון זיין ערנסט און אחריות...

ווייבער, איינגעוויקלט אין פאַטשיילעס, מיט צעפּאַרעטע פּנימער זענען פאַרבייגעגאַנגען, אָנגעקוקט אונזער ר' צום־גדליהון, אָנגערירט אים און געשטופּט מטבעות אין דעם רויטן טיכל אַריין.

ר' צום־גדליהו האָט זיי געזאָגט, וועמען: "צו רפואה!" וועמען: "כשר, כשר..." זיי געווונטשן אַ בן־זכר און איז געווען גליקלעך אויף זיין בכבודיקער פרנסה.

לעצטער קאפיטל

# מיסטעריעזע קמיעות

דורך: **הרב פנחס אליעזר הלוי דונר**
איבערגעזעצט אויף אידיש דורך: **אפענער**



די געשיכטע ביז יעצט: טראץ דעם וואס דער פאלשער משיח שבתי צבי האט זיך גע'שמד'ט צו איסלאם אין ה'תכ"ו און געשטארבן אין ה'תל"ו, האבן געהיימע געזעלשאפטן פון שבתאים וועלכע האבן נאכאלץ געגלייבט אין זיין משיח'ישער מיסיע געבליט אין קהילות לענגאויס אייראפע, און זיי זענען געבליבן אקטיוו ביז טיף אין אכצנטן יארהונדערט.

איינער פון די בארימטע רבנים וועמען מען האט חושד געווען אין זיין א שבתאי איז געווען די גרויסע רבני'שע ליכט, ר' יונתן אייבשיץ פון פראג. כאטש ער האט אין אנהייב מצליח געווען אפצושלאגן די באשולדיגונגען, זענען די חשדות צוריק ארויפגעשוואומען ווען ער איז געווארן דער רב הכולל פון דער טריפל-קהילה אלטאנא-האמבורג-וואנדסבעק אין תק"י. דאס איז אנטוויקלט געווארן אין א פולער קאנטראווערסיע איבער זיין פאסיקייט אלס רב.

זיין הויפט קעגנער איז געווען ר' יעקב עמדין, א חשוב'ער רב מיט א שטארקער השפעה אין און אינדרויסן פון דער טריפל-קהילה, וועלכער האט גע'טענה'ט אז קבלה קמיעות פון ר' יונתן וועלכע ער האט אונטערזוכט האבן אנטהאלטן באהאלטענע רמזים צו שבתי צבי. די קהילה פירערשאפט האט זיך געשטעלט אויף ר' יונתנ'ס זייט, און ר' יעקב איז געצוואונגען געווארן צו אנטלויפן קיין אמסטערדאם.

עטליכע בארימטע רבנים זענען געקומען צו ר' יעקב'ס הילף, אריינגערעכנט ר' יעקב יהושע פאלק פון פראנקפורט - דער פני יהושע - און ר' שמואל הילמאן פון מעץ, אבער עס האט נישט געהאלפן; ר' יונתנ'ס פאזיציע האט אויסגעזען אומבארירליך. אבער ווען געוואלדטאטן צווישן די קעגנערישע פראקציעס האט אנגעהויבן צו וואקסן אין האמבורג און אלטאנא, האבן זיך די גוי'אישע אויטאריטעטן אריינגעמישט, און דער גורל האט אנגעהויבן זיך טוישן קעגן ר' יונתן.

צוליב דעם אומרו וואס די קמיע קאנטראווערסיע האט פאראורזאכט און די רעגולערע אויסברוכן פון געוואלדטאטן אויף די גאסן פון דער טריפל-קהילה, ווי אויך דאס ארויפלייגן איינזייטיגע קהילה-שטראפן קעגן ר' יעקב'ס שטיצער, האבן זיך די גוי'אישע אויטאריטעטן, סיי אין האמבורג און סיי אין אלטאנא, אריינגעמישט אין דעם ענין. דער האמבורגער שטאטראט האט זיך געשטעלט אויף ר' יונתנ'ס זייט. אלטאנא איז לעגאל געווען א פראווינץ פון דענמארק, און דער אלטאנא שטאטראט, באזארגט פון מאכן א טעות אין דער קאמפליצירטער סיטואציע, האט באשלאסן צו ברענגען די קריג צו דער אויפמערקזאמקייט פון דעם דענישן קעניג, פרידריך

דער פינפטער. שאקירט פון די געוואלדטאטן און דעם פולשטענדיגן צוזאמענפאל פון געזעץ און ארדענונג אין דער אידישער קהילה, האט דער קעניג גע'פסק'נט לטובת ר' יעקב און זיינע שטיצער, און באפוילן אז מען זאל ערלויבן ר' יעקב זיך אומצוקערן אהיים אן קיין פארזוימונג.

ר' יעקב'ס שטיצער האבן אים אינפארמירט איבער די גוטע נייעס, אבער ר' יעקב האט נישט געוואלט צוריקמארשירן צום צענטער פון דעם שטורעם און האט אנשטאט דעם זיך ווייטער אויפגעהאלטן אין אמסטערדאם. נאר נאכ'ן באקומען א געפילישן בריוו פון זיין ווייב וועלכע האט געבעטן ער זאל אהיימקומען, האט ר' יעקב זיך ענדליך אומגעקערט קיין אלטאנא אום כ"ג אב תקי"ב, נאכ'ן פארברענגען איבער פערצן חדשים אין גלות.

טראץ דעם נצחון איז ר' יעקב'ס מצב פארבליבן אומאיינגענעם. ר' יונתן איז נאכאלץ געווען דער הויפט-רב, און זיינע פארטיידיגער זענען געווען טראציג. אויב איז דאס נישט גענוג געווען, איז ר' יעקב'ס פינאנציעלער מצב געווען זייער שלעכט צוליב זיין לאנגער אפוועזנהייט. און מיט יעדן פארבייגייענדן חודש, ווען מער רבנים איבער דער אידישער וועלט האבן דערקלערט זייער סאלידאריטעט מיט ר' יונתן, האבן ר' יעקב'ס אויסזיכטן אויסגעזען פינסטערער ווי אלעמאל.

טראץ דעם אלעם האט ר' יעקב אנגעהאלטן זיין אומערמידליכן קאמפיין קעגן ר' יונתן, וועמען ער האט געזען ווי א סימבאל פון די געפארן וואס די שבתאים האבן פארגעשטעלט - אריינצושמוגלען זייערע פארדרייטע לערנונגען אינעם צענטראלן אידישן לעבן. ר' יעקב האט מורא געהאט אז אויב ער וועט נישט ארויסברענגען די סכנה, וועלן די אומוויסנדע אידישע מאסן, געפירט דורך רבנים וועלכע ווארפן אפ די געפארן פון שבתאות אלס נארישקייטן, ארײנשפאצירן אומוויסנדיג אין אפיקורסות. ספעציעל מיט אזא איינעם ווי ר' יונתן, איז די געפאר געווען פילפאכיג גרעסער.

דעריבער, וואס מער רבנים האבן דערקלערט זייער שטיצע פאר ר' יונתן, אלץ מער איז ר' יעקב געווארן איבערצייגט אין דער ערנסטער שבתאי'שער סכנה וואס ער האט פארגעשטעלט; וואס מער מענטשן האבן אוועקגעמאכט דעם געדאנק אז איינער פון ר' יונתנ'ס קאליבער קען גלייבן אין א לאנג-פארשטארבענעם פאלשן משיח, אלץ מער איז ר' יעקב'ס מיסיע אונטערצוגראבן ר' יונתן אויף סיי וועלכן אופן געווארן א דרינגנדער פריאריטעט.

דערוויל האט דער קעניג פון דענמארק געפאדערט אז ר' יונתן זאל זיך שטעלן פאר אים אין קאפענהאגען, און ערקלערן די קאנטראווערסיעלע קמיעות. עס איז אויך געווען א זארג אינעם קעניגליכן הויף וועגן ר' יונתנ'ס פאזיציע אלס הויפט-רב. דער קעניג איז אינפארמירט געווארן איבער א טענה אז ר' יונתנ'ס ערוועלונג צו דער באגערטער הויפט-רב פאזיציע איז געווען פאלש; ר' יעקב'ס שטיצער האבן גע'טענה'ט אז די צאל מענטשן וואס מען האט באריכטעט אז זיי זאלן האבן געשטימט פאר אים לייגט זיך פשוט נישט אויפ'ן שכל.

ר' יונתן איז געווען טיף דערשלאגן פון דער לעצטער אנטוויקלונג. ער האט געשריבן צו פריינט און קאלעגעס איבער אייראפע ווי אנטוישט ער איז אז זיינע קעגנער האבן זיך געוואנדן צו דער גוי'אישער געריכט סיסטעם - א טאקטיק וואס איז קעגן אידישן געזעץ. אבער כאטש דאס איז אמת ווען מ'באטראכט עס באזונדער, זענען די גוי'אישע געריכטן אין דערווירקליכקייט נאר אריינגעצויגן געווארן צוליב טאקטישע שריט וואס זענען געמאכט געווארן קעגן ר' יעקב'ס שטיצער דורך ר' יונתן'ס פארבינדעטע, וואס זיי האבן געפירט צו קאנסעקווענצן וואס האבן אויך באווירקט לאקאלע גוי'אישע געשעפטן.

איינמאל די געריכטן זענען

געוועז ארייגעמישט, איז געוועז אומפארמיידליך אז יעדע זייט וועט פרובירן באקומען די אויבערהאנט. צוליב דעם, זענען ר' יונתנ'ס פראטעסטן, כאטש נישט אן א יסוד, ווארשיינליך געוועז אן אויסדרוק פון זיין אנטוישונג אז זאכן האבן זיך געדרייט קעגן אים. די פראטעסטן זענען אויך געוועז אביסל פאלש, ווייל ר' יונתן האט כסדר אפגעזאגט זיך צו שטעלן פאר א בית דין און ווערן גרינטליך אויסגעפרעגט דורך זיינע באשולדיגער. נאך אלעם, אויב איז נישט געוועז קיין וועג צו לייזן די קריג יושר'דיג אין א אידישן פארום, איז זיכער די אפציע פון א גוי'איש געריכט - כאטש באדויערליך - געוועז די איינציגע אלטערנאטיוו.

אין ערווארטונג צו זיין בעפארשטייענדן פראצעס, האט ר' יונתן געבעטן די סערוויסעס פון זיין געוועזענעם תלמיד, קארל אנטאן. אנטאן איז געבוירן געווארן אלס גרשון משה כהן, אבער נאכ'ן לערנען א ווײלע אין ר' יונתנ'ס ישיבה האט ער זיך געטויפט צו קריסטנטום, געטוישט זיין נאמען, און איז צום סוף געווארן דער פראפעסאר פון העברעאיש אין העלמשטאדט אוניווערסיטעט אין ווירצבורג, באיערן. ר' יעקב האט געטריבן שפאס פון ר' יונתן פאר'ן אויפנעמען דעם אויסוואוהל אים צו העלפן מיט זיין פארטיידיגונג.

ר' יונתן האט געענטפערט אז ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ווייל אנטאן איז געוועז דער איינציגער מענטש וואס ער האט געקענט - מעגליך דער איינציגער מענטש וואס האט דעמאלט געלעבט – וואס איז געוועז גרינטליך באקאנט מיט רבני'שע קענטעניסן און האט זיך אויך געקענט פירן אויף פארמאל-דייטש מיט א לייכטקייט, ערלויבנדיג אים צו זיין באקוועם אין דער אפיציעלער סביבה פון דעם קעניגליכן הויף בשעת'ן פארטרעטן א רבני'שן קליענט וועלכער איז באשולדיגט געווארן אין רעליגיעזע פארברעכנס.

איידער ער האט זיך געוואנדן צו אנטאן, האט ר' יונתן פרובירט אויפצונעמען א גוי מיט'ן נאמען נויענדאל, אן אדוואקאט מיט פארבינדונגען צו דער דענישער געריכט סיסטעם. פאר עפעס א סיבה האט נויענדאל אפגעזאגט דעם אנבאט, און אנטאן איז געוועז דער צווייטער אויסוואל. חדשים שפעטער האט נויענדאל מסכים געוועז צו דיסקוטירן דעם פאל מיט ר' יעקב, און ער האט פאר אים אנטפלעקט אז קארל אנטאנ'ס פייערדיגע פארטיידיגונג אויף זיין געוועזענעם לערער – א פארטיידיגונג וואס ר' יעקב האט אפגעווארפן אלס א נעץ פון ליגנטס – איז געווארן גענצליך צוזאמענגעשטעלט דורך נישט קיין אנדערן ווי ר' יונתן אליין. נויענדאל האט דאס געוואוסט ווייל ער האט געזען די פארטיידיגונגס-ארגומענטן בעפאר יעדן, ווען ר' יונתן איז זיי דורכגעגאנגען מיט אים איידער ער האט אויפגענומען אנטאן.

נאכדעם וואס דער פראצעס איז געוועז פארענדיגט האט אנטאן פארעפנטליכט זיין פארטיידיגונג אויף ר' יונתן - וואס האט זיך געדרייט ארום איין ספעציפישער קמיע וואס ר' יונתן האט מודה געוועז אז ער האט געשריבן און ס'איז נישט געוועז מאניפולירט - אין א בוך אין דייטש אונטער'ן טיטל: "א קורצער באריכט וועגן דעם פאלשן משיח, שבתי צבי, און די געשעענישן פארבונדן מיט אים וואס האבן לעצטנס פאסירט אין האמבורג און אלטאנא."

א צווייטער אויסוואל אדער נישט, האט אנטאן זיך אויסגעצייכנט אין געריכט-זאל. אלס א העבראישער פראפעסאר אין א גוי'אישן אוניווערסיטעט, איז ער געוועז אינגאנצן באקוועם צו ערקלערן אומבאקאנטן רבני'שן מאטעריאל פאר די אומוויסנדע, און, נאכדעם וואס ר' יונתן האט אים געלערנט די טעכנישע איינצלהייטן פון די מיסטישע ווארט פארמירונגען פון קבלה קמיעות, האט ער אינגאנצן ארויסגעהאט זיין אויפגאבע ביים פרעזענטירן דעם פאל.

דער פראצעס האט

געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון פילצאליגע זשורנאליסטן, רעליגיעזע געלערנטע, און געזעץ לייט פון ווייט און ברייט, ווען אלע ווילן דערגיין מער איבער דער געהיימער וועלט פון אידישן מיסטיציזם און די דעטאלן פון זיינע פראקטישע אנווענדונגען. אנטאן איז נישט אפגעשראקן געווארן פון דער געפאקטן געריכט-זאל. ער האט גענומען דעם פארבארגענעם קבלה הינטערגרונט וואס האט אונטערגעשטיצט די שרייבונג פון קמיעות, און די דעטאלירטע ספעציפיקאציעס פון דער ספעציפישער קמיע וואס איז געווען אונטער אונטערזוכונג, און פארגעלייגט א שטארקן ארגומענט אין נאמען פון זיין קליענט.

ווערטער אין דער קמיע אויף וועלכע ר' יעקב האט גע'טענה'ט אז זיי זענען באהאלטענע רעפערענצן צו שבתי צבי און זיין משיח'יש שליחות, האט אנטאן ערקלערט אלס באהאלטענע ראשי תיבות פאר פסוקים אין דער תורה, אדער אותיות-קאמבינאציעס וועלכע ערשינען אין קבלה ספרים לאנג איידער שבתי צבי איז געבוירן געווארן. עס איז פשוט לעכערליך, האט אנטאן גע'טענה'ט, צו זאגן אז זיין חשוב'ער קליענט האט געמיינט שבתי צבי ביים שרייבן די קאמבינאציעס - אויב עס איז דא סיי וועלכע אנדערע זאכליכע ערקלערונג פאר די ווערטער און אותיות וואס זענען געניצט געווארן אין דער קמיע. נאך אלעמען, האט ער געזאגט, זענען דא אזויפיל פארשידענע רמזים און סודות וואס מען קען אנווענדן צום העברעאישן אלף-בית, אז יעדער וואס וויל קען גרינג ארויפצווינגען א שבתאי'שן באדייט אויף סיי וועלכן טעקסט.

אין א פייערדיגער שלוס-רעדע פאר א פארגאפטן געריכט-זאל, האט אנטאן דערקלערט אז ער האט קלאר דעמאנסטרירט - טראץ די הייסע באשולדיגונגען - אז זיין קליענט האט אבסאלוט נישט אויף וואס זיך צו פארענטפערן.

"יעדער ווייסט אז רבי יעקב פון עמדין, טראץ זיין חשוב'ן יחוס, איז א געשוואוירענער שונא פון דעם רב הכולל. דאס איז פשוט אן אומלייקנדליכער פאקט. נאכמער, רבי יעקב'ס קענטעניס אין קבלה איז סאך וויניגער ווי מיין קליענט'ס באקאנטשאפט אין דער אלטער חכמה. אלעס וואס רבי יעקב ווייסט זענען עטליכע מעטאדן דורך וועלכע דער העברעאישער אלף-בית קען מאניפולירט ווערן צו מיינען דאס אדער יענץ, אדער, טאקע, סיי וואס. דער פאקט אז ער האט גאנץ קלוג אריינגע'רמז'ט אפיקורסות אין דער קמיע וואס איז געשריבן געווארן דורך מיין קליענט - אט די קמיע וואס מיר האבן שטודירט אזוי נאנט די לעצטע טעג - האט אבסאלוט קיין שייכות מיט מיין קליענט'ס שולד אדער אומשולד.

"זיינע פאלשע פשטים קענען גרינג אפגעווארפן ווערן אלס קנאה'דיגע באשולדיגונגען פון א פיינטליכן קאנקורענט, אין דער צייט וואס מיין קליענט'ס שיינענדע רעפוטאציע, און די ליבע און לאיאליטעט וואס ער באקומט פון טויזנטער אידן, סיי אין זיין אייגענער קהילה און אין יעדער אייראפעאישער שטאט, שטעטל אדער דארף וואו עס עקזיסטירן אידישע קהילות, שטעלט צו א קלארן באווייז, העכער סיי וועלכן צווייפל, צו מיין קליענט'ס פרומקייט, זיין ערליכקייט, און זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אמונה פון זיינע אבות."

אנטאן האט זיך דאן געווענדט צום קעניג, און אומדערשראקן אים געקוקט אין די אויגן: "אייער קעניגליכע מאיעסטעט. עס איז מיין מיינונג אז די פארהאנדלונגען זענען געווען א שענדליכע פארשווענדונג פון זיין מאיעסטעט'ס צייט. מיין קליענט האט מער ווי איין מאל אפגעווארפן דעם פאלשן משיח, שבתי צבי, צוזאמען מיט יעדן פערזאן אדער לערע וואס איז פארבונדן מיט יענעם בייזוויליגן שווינדלער. וויל איך מיט רעספעקט בעטן פון זיין מאיעסטעט, און נאמען פון מיין קליענט: ביטע ערלויבט

נישט די שאנדע ווייטער פארצוזעצן. איך בעט זיין מאיעסטעט צו דערקלערן מיין קליענט אומשולדיג פון אלע באשולדיגונגען, כדי ער זאל קענען פארזעצן מיט זיינע פליכטן אלס רב הכולל, און נישט ווערן געשטערט דורך אומבאגרינדעטע קלאנגען און ווילדע שפעקולאציעס. אייער מאיעסטעט - געווג איז גענוג!"

מיט אט דעם לעצטן אויסרוף האט אנטאן זיך טיף פארנויגט און זיך צוריקגעקערט צו זיין זיץ. דער געריכט-זאל האט אויסגעבראכן אין קאכעדיגע שמועסן, איבערגענומען פון דער פאנטאסטישער דראמא וואס האט זיך אפגעשפילט פאר זיי. טאג נאך טאג איבער א קליין שטיקל פארמעט געשריבן אין עטליכע העברעאישע אותיות. קיינמאל פריער האט דער קעניגליכער הויף אין דענמארק נישט מיטגעהאלטן אזעלכע פארהאנדלונגען. דאס איז געווען, נאך אלעם, א לאקאלער גראנגל וועגן א פארבארגענעם רעליגיעזן ארטיקל - און דאך איז עס באטראכט געווארן דורך דעם העכסטן געריכט פון לאנד, און פארזארגט דורכ'ן קעניג אליין.

דער קעניג האט זיך צוריקגעצויגן מיט זיינע ראטגעבער צו באטראכטן די עדות'שאפט. ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין געריכט-זאל איז דער אורטייל געווען איינדייטיג: איז ר' יונתן איז גלייך אינגאנצן ריינגעוואשן געווארן פון אלע באשולדיגונגען. קיינמאל מער וועט קיינער נישט טארן ווארפן קיין שום פארדאכט – מינדליך אדער שריפטליך – אויפ'ן הויפט-רב אדער זיינע קמיעות. און צוווייטנס, כדי ר' יונתנ'ס פאזיציע אלס הויפט-רב זאל מער נישט זיין אין קיין צווייפל, האט דער קעניג באפוילן אז נייע וואלן פאר דער פאזיציע זאלן פארקומען אין דער ערשטער געלעגנהייט.

די וואלן זענען טאקע פארגעקומען אין טבת תקי"ג, און ר' יונתן איז איבערוויגנד ווידערערוועלט געווארן. אבער דער פריער נצחון איז שנעל פארקלענערט געווארן דורך אנדערע געשעענישן. כמעט באלד נאך זיין ווידערוויילונג אלס הויפט-רב, האט דער האמבורגער שטאטראט - וועלכער איז נישט געווען אונטער דער הערשאפט פון דעם דענישן קעניג - אפגעווארפן סיי דעם קעניג'ס אורטייל און סיי די וואלן רעזולטאטן, און א לאנגער, קאמפליצירטער קאמף האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען איבער דער פארמאלער דעפיניציע פון דער רב-הכולל פאזיציע און איבער די מאכטן צו וועלכע ער איז לעגאל בארעכטיגט. גלייכצייטיג האט דער קאמף צווישן רבנים איבער אייראפע איבער וויאזוי זיך צו באגיין מיט

ר' יונתנ'ס אנגעבליכן שבתאות אנגעהויבן זיך פארשטערקערן, ווען שטעלונגען האבן זיך פארהארטעוועט און שנאה האט זיך פארמערט.

ר' יונתנ'ס סטראטעגיע צו זיינע רבני'שע באשולדיגער איז געווען דאס זעלבע דורכאויס: ער איז נאר געווען גרייט פארצושטעלן זיין ווערסיע פון וואס די קמיעות האבן געמיינט אין א סביבה וואס האט נישט אריינגערעכנט קיינעם וואס וואלט אים ארויסגערופן אדער אים נישט רעספעקטירט. דאס איז געווען זיין שטעלונג דורכאויס דער קאנטראווערסיע, און ער האט זיך באניצט מיט פארשידענע טאקטיקן צו פארזיכערן אז ער וועט נישט אריינגעצוואונגען ווערן אין קיין שום פיינטליכער רבני'שער זיצונג.

פון ר' יעקב'ס שטאנדפונקט, האט די שטעלונג אליין אויפגעוויזן ר' יונתנ'ס שולד. פארוואס זאל ער נישט מסכים זיין צו א שארפן קרייז-פארהער אויב איז ער אומשולדיג? פארוואס איז ער אזוי דערשראקן פון קומען פנים-אל-פנים מיט זיינע קעגנער? ר' יעקב האט געגלייבט אז ער ווייסט דעם ענטפער: ר' יונתן האט געוואוסט, אז אויב ער וועט ווערן אויסגעשטעלט צו דורכדרינגליכע פראגעס וואס ער וועט מעגליך נישט קענען ענטפערן - אנדערש ווי די וויכע,

רעספעקטפולע פראגעס פון אונטערטעניגטע רבנים וואס האבן אים געהאלטן אין הויכן שאץ - וואלט זיין שבתאות באלד אנטפלעקט געווארן. עס איז געווען ר' יונתנ'ס ווידערווילן זיך צו שטעלן פאר זיינע באשולדיגער און די נאכפאלגנדע הנחה אז דאס ווייזט אויף שולד, וואס האט אונטערגעבעט ר' יעקב'ס ווילדע פרואוון צו צעשטערן ר' יונתנ'ס רעפוטאציע און אים אראפזעצן פון זיין פאזיציע.

עס איז געווען אומפארמיידליך אז צוויי לאגערן וועלן זיך אנטוויקלען צווישן די אייראפעאישע רבנים: איין גרופע וועלכע האט אנגענומען ר' יונתנ'ס שולד אבער האט נישט געקענט פארמולירן אן עפעקטיווע סטראטעגיע זיך צו באגיין דערמיט, און אן אנדער גרופע וועלכע האט אנגענומען ר' יונתנ'ס אומשולד אבער האבן אויסגעזען אומפעאיג צו געפינען סיי וועלכן וועג צו פארשטומען זיינע קריטיקער.

ביי דעם פונקט האט עס געהאלטן ווען ר' יחזקאל לאנדא איז אריינגעטראטן אין בילד. פיל שפעטער אין זיין קאריערע וועט הרב לאנדא ווערן בארימט אלס דער הויפט-רב פון פראג און מחבר פון דעם געלערנטן ווערק "נודע ביהודה", אבער אין תקי"ג איז ער געווען דער רעלאטיוו-אומבאקאנטער 39-יעריגער רב פון יאמפאלא, א קליין שטעטל אין אוקראינע טויזנט מייל פון האמבורג, וועלכער האט קיינמאל נישט באגעגנט ר' יונתן אייבשיץ אדער ר' יעקב עמדין. פאר עפעס אן אומבאקאנטער סיבה האט הרב לאנדא געשפירט געצוואונגען צו לייזן דאס געפעכט וואס האט אויסגעבראכן צווישן די צוויי רבני'שע ריזן, וואס ביידע פון זיי זענען געווען אלט גענוג צו זיין זיין פאטער. פאר דעם צוועק האט ער זיך אראפגעזעצט און געשריבן א לאנגן "איגרת שלומים", פארשלאגנדיג א פשרה פון וועלכער סיי ר' יונתן און סיי ר' יעקב, צוזאמען מיט אלע זייערע שטיצער, וועלן קענען אוועקגיין מיט זייער שטאלץ און רעפוטאציעס אומבארירט.

דער בריוו איז געווען דיפלאמאטיש פארמולירט און קלוג צוזאמענגעשטעלט. עס האט אראפגעשילדערט ר' יונתן אלס איינער פון די גרעסטע רבנים פון דער צייט, ועמענ'ס פארשטענדליכער אבער אומריכטיגער צוגאנג צו ר' יעקב האט באפלעקט זיין ציכטיגע רעפוטאציע. עס איז געווען אן אומרעכט וואס האט געמוזט פאררעכטן ווערן, ספעציעל ווען ר' יעקב האט דאך געהאט גרונד זיך אזוי צו פירן. עפנטליך צו פארשעמען ר' יעקב דורכ'ן פארבאטן יעדן זיך צו פארבינדן מיט אים און דאן אים פארטרייבן פון שטאט איז פשוט נישט דער פאסיגער וועג זיך צו באגיין מיט א חשוב'ן רב, און ספעציעל מיט ר' יעקב, וועמענ'ס איבערגעגעבנקייט צום שטרענגסטן תורה-טרייען לעבן און וועמענ'ס פאזיטיווע השפעה אויף זיין ארומיגע איז געווען קלאר. נאר רבנים וואס פירן אוועק מענטשן פון ריכטיגן וועג קענען געלייגט ווערן אונטער סיי וועלכן חרם, האט הרב לאנדא געשריבן, און ר' יעקב איז זיכער נישט אין יענער קאטעגאריע.

"ר' יונתן קען טענה'ן אז ר' יעקב האט יא אוועקגעפירט מענטשן פונעם ריכטיגן וועג דורכ'ן אים באשולדיגן אין זיין א שווינדלער, און איך קען זען פארוואס ער וואלט דאס געזאגט. ר' יונתן איז אן אויסטערלישער מרביץ-תורה פאר טויזנטער תלמידים איבער דער אידישער וועלט, פון וועלכע פיל האבן אייגענע תלמידים, מאכנדיג אים דער לערער פון כמעט יעדן תלמיד-חכם אין אייראפע. ווען צווייפלען ווערן אויפגעהויבן וועגן אים לייגט עס דאס חשיבות פון די אלע תלמידים אין צווייפל, און ר' יונתן קען דאס אנקוקן אלס אוועקפירן מענטשן. אבער לויט מיין מיינונג וואלט דאס נאר געווען דער פאל אויב ר' יעקב וואלט זיי מיט כוונה אוועקגעפירט, און דאס איז דאך נישט דער פאל. פארקערט: מיר ווייסן אז זיינע כוונות זענען געווען צו פארמיידן

מענטשן פון אוועקגיין פון ריכטיגן וועג! זייענדיג אז דאס איז דער פאל וואלט ער קיינמאל נישט געדארפט זיין אין חרם, און קיינמאל נישט פארטריבן ווערן."

הרב לאנדא האט קלאר אונטערזוכט די נאטאריזירטע קמיעות פון מעץ, און איז געווען איבערצייגט אז זיי האבן געהאט אותיות וואס באציען זיך צו שבתי צבי. אבער ער האט געהאט צוויי אויסגעצייכנטע באמערקונגען; איינס וואס האט געזאלט ראטעווען ר' יונתנ'ס כבוד, און די אנדערע א קלוגע אבזערוואציע איבער דער פאטענציעלער סכנה פון דעם מחבר פון די קמיעות. צום ערשט האט ער געפרעגט צי סיי וועלכער נאטאריזירטער דאקומענט וואס באשולדיגט א דריטן צד איז גילטיג לויט'ן אידישן געזעץ אויב יענער דריטער צד איז נישט געווען אנוועזנד ווען דער דאקומענט איז נאטאריזירט געווארן. ער האט אנגעמערקט אז די אלע קמיעות זענען נישט געווען אונטערגעשריבן דורך ר' יונתן, און עס איז דעריבער אוממעגליך געווען צו באשטעטיגן מיט הלכה'דיגער זיכערקייט אז ער האט זיי געשריבן. אין אנדערע ווערטער, ער האט צוגעשטעלט ר' יונתן א גוטן וועג צו לייקענען דאס שרייבן סיי וועלכער קמיע וועלכע האט געהאט א שבתאי'שע פארבינדונג.

זיין צווייטער פונקט איז געווען נאך מער שארפזיניג: "כאטש עס איז נישט פארהאן קיין וועג אויסצוטייטשן די קמיעות אין אן אופן וואס וואלט עלימינירט זייער שבתאי'שן אינהאלט, צו זיין אינגאנצן אמת'דיג: האלט איך נישט אז דאס איז אפיקורסות, ווייל אפיקורסות איז נאר אפיקורסות אויב מוטיגט עס אפיקורסות."

מיט דעם מערקווירדיגן פארשלאג האט הרב לאנדא אינגאנצן אפגעשוואכט די טענה אז ר' יונתן שטעלט פאר סיי וועלכע סכנה צו דער צוקונפט פון אידישקייט - אפילו אויב עס וואלט געווען אמת אז די קמיעות וואס זענען צוגעשריבן צו אים האבן רמזים צום פאלשן משיח. אזוי לאנג ווי ר' יונתן האט זיך קענטליך אויפגעפירט לויט'ן אידישן געזעץ און זיך געפירט לויט די סטאנדארטן וואס מען ערווארט פון א גרויסן רב, וואס א חילוק האט עס געמאכט אויב ער האט באהאלטענערהייט אריינגעלייגט אומפארשטענדליכע שבתאי'שע ווארט-רעטענישן אין קמיעות, וואס האט קיינעם נישט באאיינפלוסט צו גלייבן אין דער משיח'ישער מיסיע פון דעם לאנג-פארשטארבענעם שבתי צבי?

און כדי צו לייזן דעם קאנפליקט, האט הרב לאנדא פארגעשלאגן אז אלע קמיעות וואס זענען צוגעשריבן געווארן צו ר' יונתן זאלן איבערגעגעבן ווערן צו די אידישע אויטאריטעטן און קיינמאל מער נישט גענוצט ווערן. ער האט אויך פארגעשלאגן אז ר' יונתן זאל עפנטליך דערקלערן אז ער וועט קיינמאל מער נישט שרייבן קיין קמיע, אזוי אז קיין שום שבתאי'שער אפיקורס זאל מער נישט קענען טענה'ן אז ער איז געווען צוגענייגט צו זייער זאך. הרב לאנדא האט געענדיגט זיין פארשלאג מיט א שטארקער ווארענונג קעגן סיי וועלכער ווייטערדיגער שלעכטער באהאנדלונג צו ר' יעקב צוליב זיין קאמפיין קעגן ר' יונתן.

הרב לאנדא'ס בריוו איז ברייט פארשפרייט געווארן, און כאטש עס האט קלאר מרמז געווען אז ר' יונתן איז דער מחבר פון די קמיעות, איז די פארגעשלאגענע פשרה ווארעם אויפגענומען געווארן דורך ר' יונתן און זיינע שטיצער, וועלכע האבן פארשטאנען ווי אזוי הרב לאנדא'ס פארשלאג פארמאגט א פראקטישע אויסגאנג סטראטעגיע וואס וועט ריין מאכן דעם טאוול און געבן א וועג פאראויס אן קאנטראווערסיע, אזוי לאנג ווי קיין ווייטערדיגע פארבינדונגען צווישן ר' יונתן און שבתאי'שן אפיקורסות ווערן נישט אנטדעקט.

אבער ר' יעקב איז בשום אופן נישט געווען אין קיין שטימונג פאר סיי וועלכער פשרה. פון זיין שטאנדפונקט איז

דאס געווען א הייליגע קריג, און זיין ציל איז געווען זייער קלאר: ר' יונתן מוז אראפגענומען ווערן פון זיין אמט מיט שאנדע און קיין שום אנדער ענדע צום קאנפליקט איז נישט אקצעפטירט. אין א שארף-ווערטערדיגן פאמפלעט קעגן דעם "איגרת שלומים" האט ר' יעקב אנגערופן הרב לאנדא מיט יעדן מעגליכן נאמען. ער האט אים זאגאר באשולדיגט אין זיין א באהאלטענער שבתאי וואס זוכט ר' יונתנ'ס ריינוואשונג.

דאס מחלוקת האט בעצם דערגרייכט א שטילשטאנד. טראץ דעם וואס ר' יונתן איז געבליבן דער הויפט-רב פון אלטאנא, זענען אין האמבורג זיינע כוחות אוועקגענומען געווארן דורך דעם שטאטראט. ביז דער צייט ווען זיי זענען צוריקגעשטעלט געווארן, מיט עטליכע יאר שפעטער, איז די אנגעלעגנהייט שוין געווען מיינסטנס נישט רעלעוואנט. אין דער רבני'שער וועלט זענען ר' יונתנ'ס קעגנער געבליבן אומבויגזאם אין זייער פיינטשאפט צו אים, און זיי האבן ווייטער געהאלטן אז ער איז אן אפיקורס. אינצווישן האבן ר' יונתנ'ס שטיצער זיך פאראייניגט, און הונדערטער רבנים האבן זיך אנגערופן צו זיין בקשה פאר שטיצע בריוו, וועלכע ער האט פארעפנטליכט אין תקט"ו אלס טייל פון א ספר


ספר

לוחת עדות

עדות כי בו רשם בכתב אמת אשר ישבו כסאות למשפט רוב חכמי דור ורבנים מקובלים מפורסמי׳ לישראל להודות ולהורות כי שקר ענו בו בהרב הגאון ה״ה מוהר״ר יהונתן נר״ו אב״ד ור״מ דק״ק אה״ו ויע״א והצדיקו אותו בכל הדברים וחוקים אשר שם שם חקקו נגידים הנ״ל במשענתם משענת קנה ביכה וחכמה לבל ישמע ויפקד שום איש מישראל מדבר ופולה פה בגנות הגאון הנ״ל הן בכתב והן בע״פ לפגום כבודו וכל הכתבים המחרפים ופוגמים לא יראו ולא ימצאו באש ישרפו כמחמלת · ומשפטים משפט לאלקי יעקב אשר אל כביר לא ימאס ורצון יראיו יעשה ובמארה הם נארי׳ לכל העובר על הנ״ל בשום דבר או חצי דבר הצי גברא ליקו בארור ולמות׳ דרבנן בכל חרמות שבעולם כאשר תמצא בגוף חבורי טהרה הנ״ל ולשומעי׳ לעשות כחוקת פה זך ומאמר מלאכי רבנן ישמור · ינעם ויחולו עליהם כל ברכות שבתורה ועיין בהקדמה ובגוף החיבור ותמצא הדברים באריכות את כל ונוכחת :

נדפס פה ק״ק אלטונא

תחת ממשלת אדונינו המלך האדיר והחסיד פרידריך החמישי יר״ה ויתנשא] מלכותו ויאריך ימין לו ולגבירתו המלכה ולזרעו עד עולם

כגמר ח׳ יתמוז ועכתה שירה הזאת לפניו לעד לפ״ק :

בהשגחת המדפיס הנעלה כ׳ אהרן בן כ׳ אלי׳ כ״ץ ז״ל :

אין תקט"ו האט ר' יונתן פארעפנטליכט זיין ווערסיע פון די געשעענישן און דארט שטארק פראטעסטירט זיין אומשולד. דער ספר, לוחות עדות (דער דאזיגער עקזעמפלאר געפינט זיך אין רב דונר'ס קאלעקציע), האט אויך אנטהאלטן הונדערטער שטיצע בריוו פון רבנים איבער גאנץ אייראפע, אריינגערעכנט איינס פון דעם ווילנער גאון, וואס איז דעמאלט געווען כמעט גענצליך אומבאקאנט אינדרויסן פון ליטא.

גערופן "לוחות עדות" וועלכער האט דאקומענטירט זיין ווערסיע פון די געשעענישן.

ר' יעקב פון זיין זייט האט ווייטער פארעפנטליכט רעגולערע אטאקעס קעגן זיין שונא, און אין תק"כ האט דאס מחלוקת באקומען פרישע לעבהאפט ווען ר' יונתנ'ס אינגערער זון, וואלף אייבשיץ, האט זיך דערקלערט אלס א שבתאי'שער נביא, און איז דאן אויפגעדעקט געווארן אלס נאנטער פריינט מיט עטליכע

באקאנטע אפיקורסים. צוליב דעם אינצידענט איז ר' יונתנ'ס ישיבה פארמאכט געווארן, און וועט קיינמאל מער נישט צוריק געעפנט ווערן.

***

אפילו ר' יונתנ'ס פטירה אין תקכ"ד האט נישט געענדיגט דאס מחלוקת. ר' יעקב האט ווייטער פארעפנטליכט זיינע אטאקעס, און געהאלטן אז שבתאי'ש אפיקורסות איז נאכאלץ אן עכטע סכנה פאר יעדער אידישער קהילה. ר' יעקב'ס פטירה אין תקל"ו, און זיין נאכפאלגנדע קבורה נאנט צו ר' יונתן צוליב הרב לאנדא'ס הלכה'דיגן פסק, האט ענדליך געברענגט דאס פערזענליכע מחלוקת צו אן ענדע.

אין די ענדע איז עס געווען הרב לאנדא'ס רעזאלוציע וועלכע איז געווארן ווי דער בלופרינט פאר די צוקונפטיגע דורות; ר' יונתנ'ס אומגלויבליכע תורה, ווי פארצייכנט אין די פיל ווערק וועלכע זענען הויפטזעכליך פארעפנטליכט געווארן נאך זיין טויט, זענען אינטעגראל אין אידישן לערנען ביז היינט צוטאגס, אין גייסט פון דעם פארשלאג אז ביי איינעם וואס איז אין יעדן זין א פרומער איד און אן אויסגעצייכנטער רב,



וואלף, ר' יונתנ'ס אינגערער זון, האט אין תק"כ געמאלדן אז ער איז א שבתאי'שער נביא. ער האט זיך שפעטער גע'שמד'ט און איז געווארן "באראן אייבשיץ", כאטש ער האט ווייזט אויס זיך צוריקגעקערט צו דער אידישער געמיינדע פאר זיין טויט אין תקמ"ה. דאס בילד איז געגעבן געווארן צו רב דונר דורך זיין אייניקל, א פרומער איד וואס וואוינט אין גייטסהעד, ענגלאנד.

מוזן פערזענליכע חששות גענצליך איגנארירט ווערן.

ר' יעקב ווערט גלייך פארערט אלס אן אויסגעצייכנטער רב וועלכער האט געפירט א מוטיגן קאמף קעגן א מענטש וועמען ער האט באטראכט אלס א געפערליכער אפיקורס, און זיינע ווערק אויף ש"ס, הלכה, און תפילה ווערן ברייט גענוצט און זענען שטארק רעספעקטירט.

***

איידער מיר ענדיגן די סעריע מוזן מיר אדרעסירן די פראגעס וועלכע האבן געשוועבט אין הינטערגרונט דורכאויס דער דראמאטישער געשיכטע: נאך אלעם, האט ר' יעקב געהאט רעכט? איז ר' יונתן טאקע געווען א שבתאי? אויב איז ער געווען א שבתאי, האט ער טאקע געשטעלט א געפאר פאר נארמאטיווער אידישקייט?

עס זענען פאראן פארשידענע ענטפערס צו די אלע פראגעס, אבער גארנישט איז באשטימט אדער דעפיניטיוו. וואס איז אבסאלוט קלאר איז אז ר' יעקב האט באמת געגלייבט אז ר' יונתן איז א שבתאי, און אז ר' יונתן איז אן אונטערוועלטניק וואס מען דארף ארויסווארפן פון זיין שטעלע און פון אידישן לעבן. און ר' יעקב איז נישט געווען אליין. אפילו צווישן די וואס האבן געשטיצט ר' יונתן זענען געווען רבנים, ווי הרב לאנדא, וועלכע זענען נישט געווען איבערצייגט אין זיין אומשולד. זיי האבן אים געשטיצט ווייל זיי האבן געגלייבט אז דער קאמפיין קעגן אים האט זייער געשאדט דאס אידישע לעבן, און דריבער איז אים שטיצן געווען בוחר הרע במיעוטו.

דורכאויס דער פאסירונג איז ר' יונתן געווען טאקטיש זייער קלוג, און האט איבערגעשטיגן ר' יעקב און זיינע שטיצער אויף יעדן שטאפל, אבער זיין לאגער'ס אלגעמיינע סטראטעגיע איז געווען שלעכט באטראכט און אפט קאנטער-פראדוקטיוו. גלייבנדיג אז זיין רעפוטאציע וועגט קלאר איבער סיי וועלכן פרואוו אים צו פארשווארצן, האט ר' יונתן זיך אפגעזאגט צו נעמען זיינע קעגנער ערנסט, און ער האט שטענדיג געזוכט זיי צו נייטראליזירן אן זיי דירעקט באגעגענען - עפעס וואס האט זיי נאר מער אויפגערעגט.

פארשטייט זיך אז "היבריס איז נישט קיין באווייז פון שולד", און אויך קענען עטליכע פון די מער לעכערליכע טענות בנוגע די קמיעות נישט גענוצט ווערן אים צו פאראורטיילן, דאך איז עס א טרויעריגער פאקט אז ר' יונתן איז געשטארבן אן אראפשאקלען אינגאנצן דעם וואלקן פון חשד וואס האט געהאנגען איבער אים.

אבער צי ער איז געווען א שבתאי'שער סימפאטיקער אדער נישט איז שוין היינט נישט אזוי רעלעוואנט; סיי ער און סיי ר' יעקב עמדין - טראץ דער גיפטיגער פאלעמיק וואס האט אזוי פארוואונדעט זייערע לעבנס - ווערן באטראכט ווי צוויי פון די פראמינענטסטע תורה'דיגע געלערנטע אין דער מאדערנער עפאכע, וואס האבן אונז באגליקט מיט זייער אנוועזנהייט און געלערנטקייט.

דער ארטיקל איז געשריבן געווארן אריגינעל אין ענגליש דורך הרב פנחס אליעזר הלוי דונר
און איז געווארן איבערגעזעצט אויף אידיש דורך "אפענער" אויף "קרעמל".
הרב דונר איז דער רב אין קהל יאנג איזראעל אין נארט בעווערלי הילס קאליפארניע, און איז א באקאנטער היסטאריקער און באגאבטער רעדנער.
הרב דונר'ס וועבסייט: https://rabbidunner.com
מען קען זיך פארבינדן מיט'ן רב אויף דעם פאלגנדן אימעיל אדרעס: pinidunner@gmail.com אויך קען מען אים נאכפאלגן אויף אלע סאציאלע מידיא.

די "כוואליע" איז ערמעגליכט געווארן
דורך הרבני הנגיד

# הרוצה בעילום שמו

## מיט'ן ציל מרבה צו זיין
## תורה און חכמה צווישן אידן

בשם אלע ליינער און שרייבער ווינטשן מיר אים און די משפחה אלעם גוטן און אז ער זאל שטענדיג קענען געבן אויף גוטע פלעצער.

מען קען קויפן הנצחות,
אדווערטייזמענטס,
און באשטייערן קלענערע נדבות אויף
דעם פאלגנדן לינק:
**https://ko-fi.com/chvalyes**

**הנצחה פרייזן:**

**גאנצע** אויסגאבע מיט פולן הנצחה בלאט: $500

**האלבע** אויסגאבע מיט האלבן הנצחה בלאט: $250

**פערטל** אויסגאבע מיט פערטל הנצחה בלאט: $125

אויב איר ווילט בלייבן **אנאנים** בײַם שענקען א נדבה, ביטע ניצט די **קרעדיט קארד אפציע** און לייגט אריין אן אנאנימען נאמען און אימעיל אדרעס (אויב ניצט איר די PayPal אפציע וועלן מיר קענען זען דעם נאמען פון דעם PayPal אקאונט).

סקען דעם QR קאוד פאר אלע
"כוואליעס" לינקס, אריינגערעכנט
דעם קא-פי נדבות לינק: